בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת חֻקַּת חֵלֶק ב

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**העלפן איינהאלטן דעם צוזאג פאר מוהרא"ש זכותו יגן עלינו; שטיין ווייט פון סיי וואסערע מחלוקת; אינעם יום הולדת דארף זיך א מענטש מאכן א חשבון הנפש וואו ער שטייט אויף דער וועלט; "אַיֶּכָּה - וואס טוסטו אויף די וועלט?"**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב די זכיה צו לערנען מיט בחורים אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און אז עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס האט פאר יעדן איינעם עצות צו צוקומען צו די העכסטע מדריגות.

נעכטן י"ב סיון איז געווען מיין יום הולדת; איך דאנק דעם אייבערשטער אז נאך א יאר איז מיר אריבער פון מיין לעבן מיטן פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף די וועלט.

נאך די פטירה פון אבינו רוענו מוהרא"ש זכרונו לברכה, בשעת מיר האבן מלווה געווען מוהרא"ש קיין ארץ ישראל האב איך צוגעזאגט פאר מוהרא"ש צוויי זאכן: איינס, אז איך וועל נישט מאכן קיין מחלוקת און נישט האבן קיין שייכות מיט מחלוקת אין "היכל הקודש", צווייטנס אז איך וועל אים פארשפרייטן אויף די גאנצע וועלט, סיי מיטן דרוקן ווייטער די ספרים און קונטרסים, און מיט די דרשות וואס מען שיקט ארום יעדן טאג וכו' וכו'.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האלט איין מיין צוזאג; צענדליגער טויזנטער מענטשן קוקן און הערן יעדן איינציגן טאג די עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז איבער געגעבן, און מיטן הילף פונעם אייבערשטן וועל איך ווייטער פארשפרייטן מוהרא"ש אויף די גאנצע וועלט, אז יעדער איד זאל וויסן פון די געשמאקע עצות וואס מוהרא"ש האט מיט אונז געלערנט ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו האבן א חיים טובים, לעבן דא אויף די וועלט מיט א ווייב און קינדער און זיין דבוק אינעם אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן און דאנקען דעם אייבערשטן.

הלואי זאלסטו אויך אפמאכן ביי דיר אז דו וועסט נישט האבן קיין מגע ומשא מיט קיין שום מחלוקת, בפרט א מחלוקה וואס מען מיינט נאר לשם שמים וכו', און אויך זאלסטו העלפן מיט וואס דו קענסט נאר צו פארשפרייטן די לימודים, ספרים, קונטרסים, עצות און חיזוק פאר אידישע קינדער, דורכדעם וועסטו זוכה זיין אויסצונוצן דיינע טעג און יארן מיט זאכן וואס וועלן בלייבן אויף די וועלט און אויף יענער וועלט. ווייל פון אלע אנדערע זאכן בלייבט גארנישט איבער; א מענטש לעבט זיך אפ זיינע זיבעציג יאר

אנגעפילט מיט כעס און ווייטאג און ווען עס גייט אריבער די פאר יאר גייט מען צוריק צום אייבערשטן און מען לאזט איבער די גאנצע וועלט, מען נעמט גארנישט מיט, נאר דאס ביסל תורה, תפילה, מצוות און מעשים טובים, און זיכער דאס וואס מען האט מזכה געווען נאך א איד צו טראכטן פונעם אייבערשטן.

א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון הנפש, יעדן טאג מען דארף זיך פרעגן: "וואס טו איך דא אויף דער וועלט?" "וואסערע תכלית קומט ארויס פון מיינע טעג?" בפרט ווען מען געפונט זיך אינעם יום הולדת, עס איז אריבער נאך א יאר פונעם לעבן, דארף מען זיך פרעגן וואס דער אייבערשטער האט געפרעגט אדם הראשון (בראשית ג, ט): "וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ, אַיֶּכָּה - אוואו ביסטו?"

ווען דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו איז געווען אין תפיסה אין פעטערבורג, בשעת די חקירות האט דער חוקר - וואס ער האט געקענט תנ"ך און נאך אידישע זאכן - געפרעגט דעם הייליגן בעל התניא וואס איז פשט וואס דער אייבערשטער האט געפרעגט אדם הראשון נאכן חטא פונעם עץ הדעת (בראשית ג, ט): "וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ, אַיֶּכָּה - אוואו ביסטו?" האט דען דער אייבערשטער נישט געוואוסט וואו אדם הראשון איז?! קודם האט אים דער בעל התניא געזאגט וואס רש"י זאגט דארט אז דער אייבערשטער האט געוואלט אנהייבן מיט אים א שמועס כדי ער זאל זיך נישט דערשרעקן וכו', אבער דער חוקר האט געזאגט פארן בעל התניא: "איך ווייס וואס רש"י זאגט, איך וויל הערן פון אייך א בעסערע תירוץ".

האט דער הייליגער בעל התניא אים געזאגט אזוי: "ווען א מענטש קומט אן צו א געוויסע יאר פון זיין לעבן - דער בעל התניא האט צוגעטראפן גענוי ווי אלט דער שר איז געווען - פרעגט אים דער אייבערשטער: "אַיֶּכָּה? - דו ווייסט פארוואס איך האב דיר באשאפן, האסטו געטון וואס איך וויל פון דיר?" דאס האט דער אייבערשטער געפרעגט אדם הראשון: "אַיֶּכָּה? וואס גייט פאר מיט דיר, וואס האסטו געטון דא? וואו ביסטו? דו ביסט דאך אין 'גן עדן'; איך האב דיר דאך געגעבן א גאנצע וועלט, פארוואס האסטו זיך באנארישט?!" דער שר איז זייער נתפעל געווארן פונעם ענטפער און ער איז געגענגען שתדל'ן מען זאל באפרייען דעם הייליגן בעל התניא.

ווען עס גייט אריבער נאך א יאר פונעם מענטש'ס לעבן פרעגט דער אייבערשטער: "אַיֶּכָּה - וואס טוסטו אויף די וועלט? העלפסטו נאך א איד ער זאל וויסן אז ער קען לעבן א חיים טובים מיט אמונה מיט תורה? איך האב דיר געגעבן די גאנצע וועלט נאר כדי דו זאלסט העלפן מענטשן און זיי צוריק ברענגען צו מיר".

דעריבער בעט איך דיר טייערער ברודער ...,, לאמיר ארבעטן צוזאמען, לאמיר משמש זיין דעם רבי'ן צוזאמען; העלף מיר איך זאל קענען ווייטער ממשיך זיין מיט וואס מיר טוען, אזוי ארום וועלן מיר האבן וואס צו ענטפערן ווען מען וועט אונז פרעגן "אוואו ביסטו?"

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך דארף אריין לויפן צו מיינע טייערע תלמידים.

...

~~~~~~~~~~

**א בלאט גמרא יעדן טאג פארברענט דעם יצר הרע און איז א תיקון אויף אלעס; א תלמיד היכל הקודש דארף זיך יעדן טאג מאכן א חשבון: "פארוואס בין איך געקומען אויף היכל הקודש?" זיך נישט לאזן נארן; די וויכטיגקייט פון קומען צום וועכנטליכן שיעור; זיך האלטן צוזאמען אין אומאן; מתפלל זיין פאר די הצלחה פון די מוסדות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן **לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו לערנסט א בלאט גמרא יעדן טאג; א בלאט גמרא א טאג פארברענט דעם יצר הרע און דאס איז דער גרעסטער תיקון פאר אלע חטאים און עוונות.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט פון הרב הקדוש רבי בנציון מ'באבוב זכותו יגן עלינו בעל מחבר ספר "קדושת ציון", אז אמאל זענען צו אים געקומען בחורים און געבעטן ער זאל זיי געבן א תיקון פאר זייער עבירות, זיי האבן אים אויסדערציילט אלע זייערע חטאות נעורים וואס זיי האבן געטון און געבעטן א תיקון, האט ער זיי געזאגט זיי זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, האבן אים די בחורים געזאגט אז דאס איז זיי זייער שווער, האט דער באבוב'ער רב זיי געזאגט: "ווען איך וואלט אייך געזאגט איר זאלט זיך אפברענען אייערע הענט און מאכן גלגול שלג וואלט איר געלאפן מיט שמחה דאס טון, אירווארט איך זאל אייך געבן אזא תיקון? דא געב איך ענק א גרינגע תיקון - א בלאט גמרא, איז ענק שווער צו לערנען?!" זעט מען פון דעם אז לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא איז א גרעסערע תיקון מער ווי אלע סארט סיגופים, ווי פארברענען די הענט און מאכן גלגול שלג.

מאנטאג יתרו תשע"ה האט מוהרא"ש געשריבן א בריוו פון שפיטאל, דריי טעג פאר זיין הסתלקות, שרייבט דארט מוהרא"ש: "דָּבָר אֶחָד שֶׁאֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶתְכֶם בַּקָּשָׁה
~~~~~~~~~~

אַחֲרוֹנָה מְחַיֵּי, שֶׁתַּחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד", איך בעט אייך די לעצטע בקשה פון מיין לעבן, איר זאלט זיך האלטן צוזאמען, איר זאלט זיך נישט קריגן, "לָכֵן זֶה עִקַּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלֹקֶת וּמְרִיבוֹת", מיין גאנצע ווילן איז אז עס זאל זיין שלום צווישן אנשי שלומינו, ווייל פון מחלוקת קומט ארויס נאר צרות. ביים סוף פון די בריוו שרייבט מוהרא"ש נאכאמאל: "הַחְזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד וְאַף פַּעַם לֹא לְהִתְעָרֵב בְּשׁוּם מַחְלוֹקֶת שֶׁרַק יֵשׁ בָּעוֹלָם", איר זאלט זיך האלטן צוזאמען און זיך קיינמאל נישט מישן אין קיין שום מחלוקת וואס איז דא אויף די וועלט.

ווען א מענטש מאכט זיך א חשבון הנפש יעדן טאג: 'פארוואס בין איך געקומען צום רבי'ן? פארוואס בין איך געקומען קיין היכל הקודש? פארוואס האב איך געליטן בזיונות פון אלע חברים און פון מיין משפחה ווען איך בין געקומען קיין ברסלב? נאר כדי צו ווערן אן ערליכער איד, צו לעבן מיט די עצות פון רבי'ן, צו לעבן מיטן אייבערשטן און צו לערנען כל התורה כולה; איך בין געקומען צום רבי'ן כדי דער רבי זאל מיר כסדר דערמאנען אז איך גיי נישט בלייבן דא בזה העולם, איך גיי איין טאג אלעס איבער לאזן און צוריק גיין צום אייבערשטן', אזא איינער וועט זיך קיינמאל נישט קריגן מיט קיינעם, אזא מענטש וועט אנטלויפן פון יעדע סארט מחלוקת וואס איז דא.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט נארן בזה העולם; דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; מוהרא"ש האט געהאלטן אין איין חזר'ן דעם שיחה, און מוהרא"ש זאגט אז דער שיחה דארף זיין דער קאמפוס פונעם מענטש. אזוי ווי ווען א מענטש פארט אויף א שיף אינמיטן וואסער, דארף ער האלטן א גאנצע צייט א קאמפוס כדי ער זאל וויסן צי ער פארט גוט, אדער ער האלט זיך אין איין ארום דרייען; ווייל אינמיטן וואסער זעט מען נישט דעם סוף, און עס קען זיין אז מען זאל פארן א לאנגע צייט אבער באמת איז מען די גאנצע צייט בלויז געפארן ארום און ארום. אזוי אויך ווען איינער איז פארבלאנדזשעט אין וואלד און ער האלט אין איין גיין און גיין אן קיין חשבון, דארף ער האלטן א קאמפוס וואס זאל אים ווייזן וואו צפון זייט איז (דער קאמפוס ארבעט מיט א מאגנעט וואס ציט שטענדיג אויף צפון, דאס איז א וואונדערליכע זאך וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז א מאגנעט ציט שטענדיג צו צפון), אזוי וועט ער וויסן וואו ער האלט און ער וועט אנקומען וואו ער דארף, אבער אויב האט ער נישט דעם

קאמפוס, קען זיין אז א גאנץ לעבן וועט ער זיך האלטן אין איין ארום דרייען אויף איין פלאץ.

דאס האט מוהרא"ש צוגעגליכן צו דעם שיחה, די שיחה איז געווען זיין קאמפוס; ווען מען פלעגט שרייען אויף אים: "דאס איז נישט דעם רבינ'ס זאך!" "דאס איז נישט ברסלב!" "עס הייסט נישט געלערנט וכו' וכו'"; די אלע זאכן וואס מען קען נאך היינט הערן פון די טרעדישענעל ברסלב'ער וואס זיי זאגן אויפן סדר דרך הלימוד אז עס הייסט נישט געלערנט, און אז מיר זענען נישט ברסלב וכו' וכו', האט מוהרא"ש גענומען דעם שיחה אלץ א קאמפוס: "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נאר'ט אייך, לאזט אייך נישט נארן; 'לאמיר זען וואס איך האב געטון דעם יאר און וואס איך האב אלץ געלערנט יעדן טאג, לאמיר זען צי איך נאר זיך...'

א מענטש וואס לעבט מיט א חשבון הנפש, יעדע זאך רעדט ער מיטן אייבערשטן, און אויב ער איז נכשל געווארן מיט עפעס טוט ער גלייך תשובה; ער כאפט אריין יעדן טאג אביסל חומש רש"י מיטן תרגום; אפאר פרקים משניות; א דף גמרא; ער זאגט יעדן טאג תהילים וכו' וכו'; אזא מענטש קענסטו נישט פארדרייען דעם קאפ אז עס הייסט נישט געלערנט, אדער אנדערע שטותים; אזא מענטש דארף שוין קיין ראיות צי עס הייסט געלערנט אדער נישט, אזא איינער ווערט נישט איבערגענומען ווען מען פארציילט אים א טשאדעלע באדעלע מעשה וכו'; ווייל ער קוקט אויף זיך: "א מופת בין איך", "א ראי' בין איך", "איך בין א מענטש וואס ארבעט ביטער שווער, איך דארף זיין אין גאס צווישן מענטשן און איך ווער יעדע רגע פארברענט פונעם יצר הרע - בפרט זומער ווען די גוים גיין אנגעטון - בעסער געזאגט אויסגעטון - ווי די חיות פון וואלד, וואס וואלט איך געטון ווען נישט דעם רבינ'ס דרך הלימוד?!"

וואויל איז פאר דעם מענטש וואס לעבט מיט א חשבון הנפש און האלט שטענדיג פאר די אויגן אז 'איין טאג וועט קומען דער מלאך מיט די טויזנט אויגן און וועט מיר הרג'ענען, מען וועט מיר אראפ לייגן אויף דער ערד מיט די פיס צום טיר און קיינער וועט אויף מיר נישט רחמנות האבן, נאר די פרקים משניות און דפים גמרא וואס איך האב אריין געכאפט ווען עס איז מיר געווען ביטער און שווער, דאס וועט מיר באגלייטן'.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור; איך וויל דיר זען ביים שיעור. וואס רעדט מען דען ביים שיעור? נאכאמאל פון תורה נאכאמאל פון תפילה און נאכאמאל ווי אזוי מען קען האבן א גוט לעבן מיט די ווייב. שלמה המלך זאגט (משלי יג, כ): "הוֹלֵךְ

אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם״; א מענטש וואס דריידט זיך מיט ערליכע אידן וועט צום סוף אויך ווערן אן ערליכער איד, מען הייבט אויך אן לערנען, מען הייבט אן דאווענען אין שול מיט מנין און מען הייבט אן לעבן מיט תכלית.

איך בעט דיר זייער אויב דו קענסט ארויסהעלפן צו ענדיגן דעם בנין אין אומאן; מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר שוין דאס יאר זיין אינעם נייעם בנין, אלע וועט איר הנאה האבן פון דעם פלאץ. מיר וועלן דאווענען צוזאמען אינעם נייעם בנין, אזוי אויך עסן צוזאמען די סעודות און עס וועט זיין דארט שיעורים כסדרן; אויך וועלן מיר קענען אכטונג געבן אויף אונזערע קינדער, מיר וועלן זיין אוועק פונעם גאנצן טאראראם; איר וועט אלע הנאה האבן פון דעם פלאץ.

בעט דעם אייבערשטן עס זאל זיין שלום ביי אידן; מען זאל זיך נישט באאסן איינער דעם צווייטן, מיר זאלן זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן מיט דעם וואס יעדער איינער גייט זיך זיין אייגענע וועג - בפרט צווישן אונז תלמידים פון הייליגן רבי׳ן; מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, און יעדער זאל געדענקען: ׳איך בין נאר א גאסט דא אויף די וועלט; איך גיי שוין באלד אהיים, איך וועל גארנישט האבן פון אלע קריגערייען׳.

בעט דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען אנגיין מיט די מוסדות פאר אונזערע קינדער; מיר דארפן א נייעם פלאץ פאר די מיידלעך פארן קומענדיגן יאר.

מאך פאר מיר א תפילה יעדן טאג; מאך א תפילה פאר די מוסד אז מיר זאלן זיך נישט דארפן אזוי מוטשען, און איך זאל קענען ארויס גיין פון די חובות וואס איך האב געבארגט אז די מוסדות זאלן קענען ווייטער ממשיך זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל נתקדש ווערן דעם אייבערשטנ׳ס נאמען דורך אונז.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**לעבן מיטן אייבערשטן און נישט ווערן מבולבל פון אנדערע; זיין נזהר צו גיין אין מקוה יעדן טאג; זיך צוגעוואוינען צו זאגן תיקון הכללי גלייך צופרי נאכן דאווענען, דאס איז מסוגל פאר אלעס גוטס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בהעלותך, ט״ו סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך וויל דיר דערמאנען וואס מוהרא"ש שרייבט אונז אין די צוואה (אות ח): "תָּמִיד תַּכְנִיסוּ בְּדַעְתְּכֶם וְיִהְיֶה לִפְנֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַנְהִיג אֶת עוֹלָמוֹ בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיּוּת וְאֵין בִּלְעָדוֹ יִתְבָּרַךְ כְּלָל", איר זאלט שטענדיג געדענקען אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט מיט א פינקטליכקייט, "וְעַל כֵּן מַה לָּכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", דעריבער וואס דארף איר זיך זארגן אויף א וועלט וואס באלאנגט נישט צו אייך? "וּמַה לָּכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וואס דארף איר ווערן מבולבל פון אנדערע מענטשן? "רְאוּ לְהַרְגִּיל עַצְמְכֶם לִבְרוֹחַ רַק אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְכָל מַה שֶּׁאַתֶּם צְרִיכִים תְּבַקְשׁוּ רַק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ", געוואוינט אייך צו שטענדיג צו אנטלויפן נאר צום אייבערשטן און וואס איר דארפט זאלט איר זיך ווענדן נאר צום אייבערשטן.

יעדעס מאל ווען איך לערן די צוואה און איך גיי אריבער דעם אות ח' ווען איך קום אן צו די ווערטער: "וְעַל כֵּן מַה לָּכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", - דעריבער וואס דארף איר זיך זארגן אויף א וועלט וואס באלאנגט נישט צו אייך? "וּמַה לָּכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וואס דארפט איר ווערן מבולבל פון אנדערע מענטשן - כאפט מיר א שטארקע התעוררות, איך הייב אן דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו וויסן פון א צדיק וואס שיינט אריין אין מיר אזא שכל: "וְעַל כֵּן מַה לָּכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", דעריבער וואס דארף איר זיך זארגן אויף א וועלט וואס באלאנגט נישט צו אייך? "וּמַה לָּכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וואס דארף איר ווערן מבולבל פון אנדערע מענטשן; און א צדיק וואס וועקט אונז נאכאמאל און נאכאמאל אויף אז מיר זאלן צוריק גיין צום אייבערשטן.

וויפיל דארפן מיר זינגען און טאנצן: "אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו"; 'אשרינו' טויזנט מאל, 'ומה נעים גורלינו' הונדערט טויזנט מאל, ומה יפה ירושתינו אז 'אשר בנחל שם גורלינו'; מוהרא"ש האט אראפ געבערענגט פאר אונז דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער אזוי פשוט אז מיר קליינע מענטשעלעך זאלן דאס פארשטיין און לעבן מיט דעם.

זע צו גיין אין מקוה יעדן טאג; אז מען קומט צום רבי'ן דארף מען פאלגן דעם רבי'ן. ווען דער הייליגער רבי האט מגלה געווען דעם תיקון הכללי האט ער געזאגט: "דאס ערשטע איז מקוה (שיחות הר"ן, סימן קמא)". אויך האט דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה געזאגט: "מקוה איז די זעלבע לשון ווי תקוה, אז מען גייט אין מקוה האט מען א תקוה אז מען וועט אלעס פארעכטן".

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז ער איז צוגעקומען צו אלע זיינע מדריגות ווייל ער איז געווען זייער נזהר צו גיין אין מקוה יעדן טאג. אזוי

איך איז באוואוסט וואס דער הייליגער רבי אהרן קארלינער זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "מקוה איז טאקע נישט קיין מצוה, אבער צו וואס מקוה קען צוברענגען קען נישט קיין שום אנדערע מצוה צוברענגען".

דערפאר זאלסטו זיך באנייען און גיין אין מקוה יעדן טאג, וועסטו זוכה זיין ארויס צו גיין פון דיין מרה שחורה. ווען א מענטש טובל'ט זיך אין מקוה אנטלויפן פון אים אלע קליפות וואס זיי מאכן דעם מענטש מרה שחורה'דיג. דאס וואס עס מאכט זיך ביי א מענטש אז ער פאלט אריין פלוצלינג אין א דעפרעסיע, דאס קומט פון די קליפות וואס ווערן באשאפן פון די עבירות וואס דער מענטש טוט, זיי נעמען ארום דעם מענטש און דערביטערן אים דאס לעבן, אבער דורך מקוה ווערן זיי אויס, זיי פארלירן דעם שייכות מיטן מענטש.

געוואוין זיך צו צו זאגן דעם "תיקון הכללי" גלייך נאך שחרית - מיט די תפילין דרבינו תם, ווייל איינמאל מען הייבט אן אפשטופן מיט תירוצים, באלד, שפעטער, מארגן, נעכטן, צום סוף שטעלט זיך ארויס אז מען זאגט עס נישט. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כט): "תיקון הכללי" איז א סגולה אויף 'פרנסה'; גלייך נאכן דאווענען לויפט יעדער איינער זוכן פרנסה, טו די סגולה פון הייליגן רבי'ן - זאג דעם "תיקון הכללי", וועט דאס ברענגען אלע ישועות, אלע רפואות און פרנסה אויך, עס מעקט אפ די עבירות וואס מען האט פוגם געווען.

זיי געזונט און שטארק.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב.

...

~~~~~~~~~~~

**קומען צו די פלעי "די פארלוירענע בת מלך", זען וואס מיינט א "בית פיגא" תלמידה; מתפלל זיין כסדר פאר א נייע פלאץ פאר די מיידלעך; מיט תפילה וועט מען זיכער פועל'ן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בהעלותך, ט"ו סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

קומענדיגע וואך וועט אם ירצה ה' פארקומען א הערליכע פארשטעלונג דורך די מיידלעך פון "בית פיגא".

מען גייט פארשטעלן איינע פון די הייליגע מעשיות פון סיפורי מעשיות; היי יאר וועלן מיר מאכן דעם פארשטעלונג צוויי מאל - דינסטאג און מיטוואך, כדי אז אלע
~~~~~~~~~~~

זאלן דאס קענען מיט האלטן. איך האף אז איר וועט קומען צו די פלעי, וועט איר זען צו וואס מיר האבן זוכה געווען, אז אונזערע טעכטער לעבן מיטן רבינ׳ס מעשיות. ביי אונז איז די סיפורי מעשיות נישט א ספר אין שאנק, עס איז א לעבעדיגע מעשה ספר, אלע לערנען דאס, קענען דאס און בעיקר לעבן דערמיט.

וויפיל דארפן מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן די זכיה אז אונזערע קינדער זאלן אויפוואקסן מיטן הייליגן רבי׳ן אן קיין בושה פון אנדערע; זיי ווייסן גארנישט עפעס אנדערש, נאר תפילה, תפילה און נאכאמאל תפילה, זיי לעבן מיטן רבינ׳ס עצות און חיזוק.

זייטס מתפלל אז מיר זאלן טרעפן א נייע פלאץ פאר די סקול; איר ווייסט דאך אז די שטאט האט אפגעשפארט די אויבערשטע שטאק און מיר האבן נישט קיין פלאץ פאר די מיידלעך, נאר תפילה וועט אונז העלפן. שבת ווען איר צינדט אן די שבת ליכט מאכטס א תפילה אז מיר זאלן האבן א גוטע פלאץ פאר אונזערע קינדער.

ווען מען קומט אין ישיבה זעט מען וואס תפילה טוט; אין אנהייב האבן מיר נישט געהאט קיין פלאץ וואו צו פלאצירן די בחורים, קיינער האט אונז נישט געוואלט געבן א פלאץ, וואס האבן מיר געטון? מיר האבן איינגעשפאנט אלע קינדער, בחורים, אינגעלייט און פרויען, אלע האבן געדאווענט און געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן א פלאץ און ברוך השם מיר האבן א גוטע פלאץ פאר די חדר, ישיבה, הדפסה, בית המדרש און חתונה זאל וכו׳ וכו׳, אזוי וועלן מיר אויך מיט תפילה האבן א פלאץ פאר די מיידל סקול.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**די גרעסטע זאך איז צו העלפן נאך א איד ווי שנעלער**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בהעלותך, ט״ו סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו האסט זיך אריין געלייגט צו מאכן עס-די קארדס פון דרשות און ניגונים פאר די מפיצים כדי צו מחזק זיין אידישע קינדער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, יח): ״כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ״, ווער עס העלפט א צווייטן איד וועט געראטעוועט ווערן פון עבירות; עס ברענט
~~~~~~~~~~

א פייער, מענטשן ווערן פארברענט יעדע רגע, בחורים און מיידלעך גייען נעבעך אראפ פון אידישן וועג יעדע סקונדע; נאר דער הייליגער רבי קען זיי מחזק זיין און שטארקן זיי זאלן צוריק קומען צום אייבערשטן.

ווען א מענטש איז צעבראכן איז נישט דא קיין צייט צוווארטן ביז ער טרעפט חיזוק ווייל ער קען אין איין מינוט ענדיגן זיין לעבן; מיר געפונען אין די גמרא (תענית כא.) אז דער הייליגער צדיק דער תנא נחום איש גמזו איז געווען בלינד און איז געלעגן אין בעט אן קיין הענט אן קיין פיס, האבן זיינע תלמידים אים געפרעגט: "רַבִּי, וְכִי מֵאַחַר שֶׁצַּדִּיק גָּמוּר אַתָּה, לָמָּה עָלְתָה לְךָ כָּךְ?!" רבי, פארוואס האט דאס פאסירט מיט אייך? האט ער זיי געענטפערט: "איך האב געבעטן דעם אייבערשטען אז דאס זאל פאסירן צו מיר", איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "עֵינַי שֶׁלֹּא חָסוּ עַל עֵינֶיךָ - יִסּוֹמוּ", מיינע אויגן וואס האבן נישט רחמנות געהאט אויף די אויגן פון דעם ארימאן זאלן בלינד ווערן, "יָדַיי שֶׁלֹּא חָסוּ עַל יָדֶיךָ - יִתְגַּדְּמוּ", מיינע הענט וואס האבן נישט רחמנות געהאט אויף די הענט פונעם ארימאן זאלן ווערן אפגעהאקט, "רַגְלַיי שֶׁלֹּא חָסוּ עַל רַגְלֶיךָ - יִתְקַטְּעוּ", מיינע פוס וואס האבן נישט רחמנות געהאט אויף דעם ארימאנס פוס זאלן ווערן אפגעהאקט, "וְלֹא נִתְקָרְרָה דַּעְתִּי, עַד שֶׁאָמַרְתִּי כָּל גּוּפִי יְהֵא מָלֵא שְׁחִין", און איך האב זיך נישט בארואיגט ביז ווי לאנג איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין גאנצע גוף זאל ווערן פול מיט קרעץ; ווייל איינמאל ווען איך בין געווען אונטערוועגנס האבנדיג מיט מיר דריי אייזלען אנגעפילט מיט עסן, טרינקען און אלע גוטע זאכן, האט מיר אפגעשטעלט אן ארימאן און געבעטן עסן, "אָמַרְתִּי לוֹ הַמְתֵּן, עַד שֶׁאֶפְרוֹק מִן הַחֲמוֹר", האב איך אים געזאגט ער זאל אויסווארטן ווי לאנג איך וועל זיך מסדר זיין, "לֹא הִסְפַּקְתִּי לִפְרוֹק מִן הַחֲמוֹר עַד שֶׁיָּצְתָה נִשְׁמָתוֹ", דער ארימאן איז אבער געווען אזוי הונגעריג אז ער איז געשטארבן ווארטענדיג אויף עפעס עסן; זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש דארף עסן און מען פארזוימט זיך קען יענער שטארבן.

כל שכן ווען עס קומט צו חיזוק; אויב מען האלט צוריק פון א מענטש חיזוק קען דער מענטש חס ושלום ענדיגן זיין לעבן. דעריבער לייג ארויף אויף יעדע דרשה א נאמען, די זעלבע נאמען אזוי ווי מען לייגט דאס ארויס אויף "קול ברסלב", אז יעדער איינער זאל קענען טרעפן חיזוק אויף דעם ענין וואס ער זוכט יעצט חיזוק. זייער גוט אז דו נעמסט דיין ווייב תחי' זי זאל דיר העלפן מיט הפצה; אין דעם זכות וועט איר האבן ליכטיגע קינדער בתורה ועבודה וגמילות חסדים.

גוט אז דו זאגסט מיר אז האברך ... נרו יאיר העלפט דיר; איך וועל אים אויך שרייבן אפאר חיזוק ווערטער. אונז דארפן מקיים זיין וואס מוהרא"ש האט אונז געלאזט צוואה: "צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט".

האברך ... נרו יאיר האט מיר איבער געגעבן אז דו האסט געגעבן פאר די רענט פאר די חדשים פעברוערי און מארטש למספרם צוויי הונדערט און פערציג דאללער; אין זכות וואס דו העלפסט די מוסד זאלסטו זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אנטשולדיגט זיך פאר'ן נישט קומען צו א שמחה**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בהעלותך, ט"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מזל טוב, מזל טוב! דער אייבערשטער זאל העלפן אז זה הקטן גדול יהיה, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

זיי מיר מוחל אז איך בין נישט אנגעקומען נישט צום וואכט-נאכט און נישט צום ברית.

איך האב געוואלט קומען סיי צום וואכט-נאכט און סיי צום ברית; צום וואכט-נאכט בין איך נישט אנגעקומען, ווייל איך האב גערופן האברך ... נרו יאיר צו מיר פאר נאכטמאל; ער איז זיך מוסר נפש צו דרוקן די ספרים אין ארץ ישראל און ער דרוקט א יאר מיליאנען קונטרסים - בלי גוזמא. מיר האבן זיך מחזק געווען ווי גליקליך מיר זענען אז מוהרא"ש האט אונז איבער געלאזט א גרויסע ירושה צו דרוקן די ספרים, ביז דערווייל געב איך א קוק אויפן זייגער און עס איז חצות... ווען מען רעדט פון רבי'ן פארגעסט מען וואו מען געפונט זיך, מען קען רעדן פון רבי'ן א גאנצע נאכט, למעשה צופרי בין איך אויפגעשטאנען מיט א קאפ ווייט און איך האב נישט געקענט קומען צום ברית.

איך וואונטש דיר מיט מיין גאנצע הארץ א ברכת מזל טוב פאר דיר און דיין ווייב תחי' וואס ביידע העלפט איר די מוסד אזוי געטריי; דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין צו מגדל זיין אייערע קינדער און זוכה זיין צו זען פון זיי אידיש נחת, אמן.
~~~~~~~~~~~

האברך ... נרו יאיר האט מיר איבער געגעבן אז דו האסט געגעבן פאר די רענט פאר די חדשים ... למספרם ...; אין זכות וואס דו העלפסט די מוסד זאלסטו זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

איך בין זיכער אז דו לערנסט אודאי ווייטער דיינע שיעורים יעדן טאג; מקרא, משנה, גמרא און מדרש, דאס וועט בלייבן פון אונז אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

...

~~~~~~~~~~

**א דאנק פאר'ן שיקן ספרים**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בהעלותך, ט"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

א גרויסן יישר כח פאר די ספרים וואס דו שיקסט מיר; דו ביסט מיר מחי' מיט די חלקים אשר בנחל וואס דו שיקסט מיר.

עס דארף זיין יעצט אין יבניאל א תלמיד הישיבה, האברך ... נרו יאיר; דו קענסט עס אים איבער געבן. איך ווארט אויף יעדע פרישע חלק אשר בנחל וואס קומט ארויס, דאס איז מיין לעבן.

איך האב נעכטן געהאט א גרויסע גאסט פון יבניאל ביי מיר אין שטוב, האברך ... נרו יאיר מיט זיין ווייב תחי' זיי זענען געקומען צו מיר אויף נאכטמאל; מיר האבן זיך מחזק געווען מיט די זכות וואס מיר האבן צו קענען דרוקן די ספרים פון מוהרא"ש. ער האט מיר דערציילט ווי אזוי עס ארבעט מיט די מפיצים אין יבניאל, אויך האט ער מיר דערציילט אז דו ביסט זייער שטארק אין הפצה - מבוקר עד הערב, אשריך ואשרי חלקך.

בעט פאר מיר ביים ציון: יואל בן ריצא רעכיל; איך זאל האבן כח און סייעתא דשמיא מיט די תלמידים און אין אלעס וואס מיר טוען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ברוב שבח והודאה צום אייבערשטן וועלן מיר קענען זיין דאס יאר אינעם נייעם בנין אין אומאן; די וויכטיגקייט פון זיך האלטן שטענדיג צוזאמען; ברענגען די קינדער צום רבי'ן; מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל בלייבן מיט א געפיל צום הייליגן רבי'ן; העלפן באצאלן די חובות פונעם נייעם בנין; די מהפכה וואס די ישיבה האט געמאכט אין די וועלט; זען צו קומען צום רבי'ן מיט פולע הענט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בהעלותך, י"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר וועלן שוין קענען היי יאר זיין אין אומאן צוזאמען אינעם נייעם בנין וואס מיר בויען יעצט חוץ לישוב.

מוהרא"ש האט מיר זייער אסאך מאל געבעטן איך זאל אכטונג געבן אויף די בחורים און אינגעלייט - תלמידי הישיבה מען זאל זיין צוזאמען אין אומאן, אזוי אויך האט מוהרא"ש האט געשריבן בריוו פאר די תלמידי הישיבה אז מען זאל זיך האלטן צוזאמען אין אומאן; ווייל ווען מען איז זוכה און מען קומט שוין צום צדיק ערשט דעמאלט דארף מען אסאך חיזוק, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עב): "לִפְעָמִים בָּא לְאָדָם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה וְנַעֲשֶׂה בְּאוֹתוֹ שָׁעָה אִישׁ כָּשֵׁר, וְאַחַר כָּךְ רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת עֲבֹדָא בַּאֲשֶׁר שֶׁנִּתְעוֹרֵר לִבּוֹ לִתְשׁוּבָה בְּכֵן רוֹצֶה לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק", ווען א מענטש באקומט א הרהור תשובה און ער מאכט אפ ביי זיך 'איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך גיי פארן צו א צדיק', "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנּוֹסֵעַ, מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע וְנוֹפֵל מִתְּשׁוּקָתוֹ שֶׁהָיָה לוֹ תְּחִילָה", נאכדעם, ווען ער איז שוין אונטערוועגנס צום צדיק הייבט ער אן טראכטן: 'פארוואס דארף איך פארן, וואס פעלט מיר אויס די גאנצע שלעפ וכו'?' "וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא לְהַצַּדִּיק מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע עוֹד יוֹתֵר, וְאוֹבֵד כָּל חִשְׁקוֹ", ענדליך ווען ער קומט שוין אן צום צדיק, נאכדעם וואס ער האט שוין צעבראכן אלע מניעות, הייבט ער אן טראכטן: 'פארוואס בין איך געקומען, וואס פעלט מיר אין שטוב וכו' וכו'?' דער מענטש קען דאס נישט פארשטיין און וואונדערט זיך: 'וואס איז דא געשען מיט מיר, וואס האט דא פאסירט? פריער האב איך געהאט א מורא'דיגע ברען, אזוי ווייט אז קיינער האט מיר נישט געקענט שטערן פון קומען צום רבי'ן, און יעצט ווען איך בין שוין דא ביים רבי'ן הייבט זיך אן אלע בלבולים וכו', וואס טוט זיך דא?!'

זאגט דער הייליגער רבי: "אַל יִקְשֶׁה בְּעֵינֶיךָ זֹאת, וְאַל יְבַהֲלוּךָ רַעְיוֹנֶיךָ עַל זֶה", עס זאל דיר נישט שווער זיין; דאס קומט ווייל (סוכה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ - יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", ווי גרעסער א מענטש איז, אלץ א גרעסערער יצר הרע האט ער אין זיך; דאס שפילט זיך אפ ביים מענטש אליינס אויך; פריער, פאר מען איז געקומען צום צדיק איז

מען נאך נישט געווען אזוי חשוב ווי יעצט ווען מען האט צעבראכן אלע מניעות און מען איז שויןביים צדיק. בעפאר מען איז געקומען האט מען געהאט א קליינע יצר הרע, דעם יצר הרע האסטו נאך געקענט בייקומען גרינגערהייט, אבער יעצט ווען דו ביסט שוין גרעסער ווי דו אליינס ביסט געווען פריער, דו ביסט שוין חשוב'ער פון דיין פריערדיגע מצב, דארפסטו שוין מער חיזוק. דערפאר זעט מען אסאך מאל ווען מען קומט שוין צום הייליגן רבי'ן, מען איז שוין אין אומאן, דעמאלט קומט אריין אינעם מענטש א שטארקע חלישות הדעת, מען הייבט אן טראכטן: 'וואס בין איך געקומען?' מיט כל מיני בלבולים; דעריבער איז זייער וויכטיג זיך צו האלטן צוזאמען אין אומאן.

איך פריי מיך זייער אז מיר וועלן קענען ברענגען די קינדער צום הייליגן רבי'ן אז זיי זאלן זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס. עס איז באוואוסט די מעשה אז ווען ר' יודל פון דאשוב זכותו יגן עלינו, איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבי'ן איז געקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה - אזוי ווי דער רבי האט געהייסן, האט זיין זון אויך זייער שטארק געוואלט מיט קומען, אבער ר' יודל האט געהאט גוטע תירוצים פארוואס ער זאל אים נישט מיטנעמען, ער איז נאך צו יונג - האט דער טאטע ר' יודל גע'טענה'ט, און עס איז זייער שווער פאר דאס קינד די וועג וכו', און ער האט נישט קיין געלט אויף שפעזן. למעשה איז ער געקומען אליינס, ווען ער איז אריין געקומען צום רבי'ן געבן שלום - דער רבי האט דאך אלעס געזען און אלעס געוואוסט - רופט זיך אן דער רבי צו אים: "איך בין א וואונדער, דער טאטע קומט צו מיר, גלייבט ער דאך אין מיר, און דער זון גלייבט אויך אין מיר, און פון דעסטוועגן האלט דער טאטע אפ דעם זון פון קומען צו מיר"; זעט מען אז דער רבי האט געוואלט מען זאל קומען צו אים מיט די קינדער.

אזוי אויך האט דער רבי צוגעזאגט א מורא'דיגע הבטחה פאר א קינד וואס קומט צו אים (חיי מוהר"ן, סימן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", איך זאג צו, אז א יעדעס קינד וואס וועט קומען צו מיר פאר די זיבן יאר, וועט גיין צו זיין חתונה מיט א ריינע העמד; דערפאר, פון פאר די זיבן יאר נעם איך מיינע קינדער יעדעס יאר קיין אומאן.

תלמידי היכל הקודש ברענגען די קינדער יעדן ראש השנה צום רבי'ן אין אומאן פון די זיבן יאר און ווייטער; מען קוקט נישט אויף קיין געלט, אויף טרחה וכו', מען וויל פשוט מחנך זיין די קינדער זיי זאלן לעבן מיטן רבי'ן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רט): "אַייֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", און ר' נתן זאגט (שם): וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא, דער רבי האט דאס געזאגט מיט א מורא'דיגע פלאם און מיט א פלאקער; אז מיר

זאלן צוזאוויסן טון פאר אונזערע קינדער אז עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס פארשטייט יעדן איד, און ווער עס פאלגט זיינע עצות קען זוכה זיין צו ווערן א גרויסער צדיק און א גרויסער בעל מדריגה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שמועס וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, אפילו א צדיק גמור א גאנץ לעבן, און אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד".

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", ווער עס וועט מיר פאלגן און ער וועט טון אלעס וואס איך הייס, וועט זיכער ווערן א גרויסער צדיק, זאל עס זיין ווער עס זאל נאר זיין.

וואס זאל איך דיר זאגן, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל בלייבן מיט א געפיל צום הייליגן רבי'ן; מיט אלע מניעות קען מען זיך שלאגן, אז די משפחה שטעלט א ווידערשטאנד, מען קריגט זיך, מען וויל דיר אוועק שלעפן פון רבי'ן וכו' דאס זענען טאקע שווערע מניעות, אבער דאס איז נישט אזוי שווער ווי ווען דער מענטש אליינס הייבט אן טראכטן: 'וואס?' 'ווען?' 'ווי?'

אז מען קילט זיך אפ פון רבי'ן איז מען אין זייער א גרויסער סכנה; במשך די פאר יאר וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה זיך צו דרייען מיט תלמידי "היכל הקודש", האב איך געזען זייער אסאך מענטשן וואס האבן אין אנהייב געהאט א שטארקע געפיל צום הייליגן רבי'ן, אבער צום סוף האבן זיי אלעס אפגעלאזט ווייל עס האט זיך אויסגעלאשן ביי זיי די געפיל צום רבי'ן, אזוי ווי דער חובות הלבבות ברענגט (שער יחוד המעשה, פרק ה): "אָמְרוּ עַל חָסִיד, שֶׁפָּגַע אֲנָשִׁים שָׁבִים מִמִּלְחֶמֶת אוֹיְבִים, וְשָׁלְלוּ שָׁלָל אַחַר מִלְחָמָה חֲזָקָה" א חסיד האט געטראפן מענטשן צוריק קומען פון א שווערע מלחמה וואס זיי האבן מנצח געווען, האט ער זיי געזאגט: "שַׁבְתֶּם מִן הַמִּלְחָמָה הַקְּטַנָּה שׁוֹלְלִים שָׁלָל, הִתְעַתְּדוּ לַמִּלְחָמָה הַגְּדוֹלָה", איר האט זיך צוריק געקערט פון א קליינע מלחמה, יעצט דארפט איר זיך גרייטן אויף א גרויסע שווערע מלחמה, אָמְרוּ לוֹ: "וּמַה הִיא הַמִּלְחָמָה הַגְּדוֹלָה?" אָמַר לָהֶם: "מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר וַחֲיָלָיו", האבן זיי געפרעגט דעם חסיד, וואס מיינט איר צו זאגן אז עסווארט אונז א שווערע מלחמה? האט ער זיי געזאגט "די מלחמה פונעם יצר הרע"; וואס דאס איז א מלחמה וואס ענדיגט זיך נישט, כל זמן מען לעבט קומט ער מיט א פרישע וועג אוועק צו נעמען דעם מענטש פונעם אייבערשטן.

דאס איז בכלליות ביי יעדן איינעם ובפרטיות ביים הייליגן רבי'ן; ווען מען ווערט מקורב צום הייליגן רבי'ן הייבט זיך התנגדות מבית ומבחוץ, מען גייט אריבער שוועריקייטן פון משפחה, חברים וכו' וכו'; ווען דער מענטש איז שטארק ביי זיך נישט אויפצוגעבן און נישט אפצולאזן דעם הייליגן רבי'ן און ער קומט דאס איבער, דעמאלט הייבט זיך אן די אייגענע מלחמה; מען הייבט אן האבן חלישות הדעת, מען האט קשיות אויפן צדיק, מען הייבט אן טראכטן: 'וואס דארף איך דעם רבי'ן וכו'?' דעריבער דארף מען האבן אסאך חיזוק פון גוטע חברים וואס זענען מחזק דעם מענטש כסדר ער זאל געדענקען וואס דער רבי געבט, און ער זאל נישט פארגעסן צו וואס מען קען אלץ זוכה זיין אז מען לאזט נישט אפ דעם רבי'ן.

דער רבי האט געהאט א תלמיד ר' ליפא, ער איז געווען א גרויסער סוחר. איינמאל איז ער געפארן אויף א גרויסער יריד צו מאכן געשעפטן, האט ער געטראכט אז ער וועט קודם גיין צום רבי'ן נעמען א ברכה. שבת ביי שלש סעודות האט אים שוין די הויט געברענט אז דער רבי זאל שוין ענדיגן די תורה, כדי ער זאל שוין קענען פארן צום יריד פארדינען געלט. אבער אזוי ווי דער הייליגער רבי האט דאך אלעס געזען, האט ער אים מרמז געווען אינמיטן די תורה אז עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון ג' מהתיקונים האחרונים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן, און שפעטער הרג'עט דאס דעם מענטש; דער רבי האט געוואלט מיט דעם מרמז זיין פאר ר' ליפא אז נישט אלעס איז געלט וכו', אבער ר' ליפא האט זיך באליידיגט פון דעם, ער איז אוועק געגאנגען פון רבי'ן און מער נישט צוריק געקומען.

יארן שפעטער האט אים ר' נתן געטראפן און ער האט אים געפרעגט: "ליפא, וואו ביסטו אנטלאפן, עמנו הייתם?" האט אים ר' ליפא געזאגט: "דער רבי האט מיך פארשעמט", מיינענדיג די תורה וואס דער רבי האט דעמאלט געזאגט און אים מרמז געווען אין די תורה וועגן געלט, זאגט אים ר' נתן: "ליפא! פון אזא רבי'ן גייט מען אוועק?! זאל דער רבי נעמען א דראנג (א דיקע האלץ) און מיך שלאגן וועל איך אויך נישט אוועק גיין"; דאס איז געווען ר' נתן. ער איז געווען צוגעבינדן צום רבי'ן מיט א מורא'דיגע שטארקייט, און געווען אזוי פעסט ביי זיך 'אפילו דער רבי אליין זאל מיר וועלן אוועק טרייבן, וועל איך נישט איבער לאזן אזא רבי'.

איך בין אריין אין שווערע חובות צוליב דעם בנין אין אומאן; איך ווייס נישט פארוואס איך האב דאס געטון, איך האב שוין יעצט איבער דריי הונדערט טויזנט דאללער חובות וואס איך האב פריוואט געבארגט פון מענטשן. דער אייבערשטער וועט זיין מיין עדות אז איך האב נישט דא קיין שום כוונה נאר צו פארשפרייטן דעם הייליגן

רבינ'ס דיבורים פאר אלע וואס קומען קיין אומאן, אזוי ווי מוהרא"ש האט דאס אונז איבערגעגעבן - שמן זית זך אן קיין דמיונות וכו'. איך מיין גארנישט מיט דעם, נאר צו טרעפן דעם מלך מיט זיינע לייט, אזוי ווי דער גיבור האט געזאגט פאר זיינע מענטשן וואס זיי האבן אים אויפגענומען פאר קעניג (עיין סיפורי מעשיות מעשה יב, מעשה מבעל תפילה): "מיין כוונה איז, טאמער וועל איך קענען געפונען דעם קעניג מיט זיינע לייט".

דו ווייסט גאנץ גוט ווי אזוי היכל הקודש האט אויסגעזען פאר מיר האבן געעפענט די ישיבה; די אייגענע קינדער פון אנשי שלומינו האבן זיך געשעמט מיט זייער טאטע אז ער איז א ברסלב'ער, עס איז געווען א בושה ארויס צו זאגן דאס ווארט 'ברסלב', ווער רעדט נאך ארויס זאגן מוהרא"ש'ס נאמען. איך קען נישט פארגעסן ווען איך האב אנגעהויבן דאווענען אין היכל הקודש אין וויליאמסבורג, דעמאלט פלעגט זיין איינגעפירט אז יעדע וואך האט א צווייטער גערעדט, פלעגט מען נישט ארויס זאגן די ווארט מוהרא"ש, מען האט זיך געשעמט פון זיך אליינס; ווען מען האט געוואלט נאכזאגן פון מוהרא"ש האט מען געזאגט, האט "ער" געזאגט, האט "ער" געפרעגט, האט "ער" מסביר געווען, "ער" האט געמיינט מוהרא"ש, כדי אז אויב א פרעמדער מענטש וועט אריין קומען זאל ער נישט לאכן וכו'. אזוי שטארק איז געווען די בושה ביי זיך אליינס; ווער רעדט נאך פון די פרויען, עס איז געווען א בושה פאר אלעמען אז דער מאן פארט קיין אומאן. אבער ברוך השם זייט די ישיבה שטייט האט זיך אלעס געטוישט.

איך בעט דיר זייער מיין טייערער תלמיד, געדענק אז: "שַׁבְתֶּם מִן הַמִּלְחָמָה הַקְּטַנָּה שׁוֹלְלִים שָׁלָל, הִתְעַתְּדוּ לַמִּלְחָמָה הַגְּדוֹלָה". בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אז דו זאלסט געדענקען ווי אזוי דו האסט אויסגעזען אן דעם רבי'ן און ווי אזוי דו זעסט אויס היינט, און ווי אזוי דו וועסט אויסזען ווען דו וועסט אפלאזן דעם רבי'ן; אז דער רבי האט געוואלט מען זאל קומען קיין אומאן, דארף מען קומען בתמימות ופשיטות, מען דארף אוועק לייגן די שכל, אוועק לייגן אלע חכמות און גלייבן וואס צדיקים זאגן.

מיר וועלן ווייטער עסן צוזאמען אלע סעודות אין אומאן, מיר וועלן דאווענען צוזאמען, פארברענגען צוזאמען, לערנען צוזאמען, חזר'ן וואס דער רבי וויל פון אונז און זיך מחזק זיין צו פאלגן דעם רבי'ן - בפרט אין "הפצה"; די גרעסטע זאך ביים רבי'ן איז צו מקרב זיין נאך א איד, אז נאך א איד זאל לעבן א גוט לעבן.

זע צו קומען קיין אומאן מיט פולע הענט; גיי הפצה יעדן טאג, אזוי וועסטו קענען זאגן פארן רבי'ן: "רבי, איך האב געברענגט צענדליגער מענטשן צו די אמונה", "רבי, איך האב מזכה געווען הונדערטער מענטשן מיט הרהורי תשובה".

זיי געזונט, איך דארף ארייַן לויפן צו די בחורים.

...

~~~~~~~~~~~

**ווען מ'העלפט מענטשן, דארף מען גרייט זיין צו ליידן**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בהעלותך, י"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד אלע מיינע געטרייע תלמידים וואס העלפן מיר אהערשטעלן דעם בנין אין אומאן, כל אחד בשמו הטוב יבורך.**

אין די וואכעדיגע סדרה זעט מען ווי דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו (במדבר יא, טז): "וְלָקַחְתָּ אֹתָם" - ער זאל אויפנעמען די זיבעציג זקנים, זאגט רש"י אויפן פלאץ: "קָחֵם בִּדְבָרִים: 'אַשְׁרֵיכֶם שֶׁנִּתְמַנֵּיתֶם פַּרְנָסִים עַל בָּנָיו שֶׁל מָקוֹם!'", רעד צו זיי שיינע ווערטער, "וואויל איז ענק אז איר זענט זוכה צו משמש זיין דעם אייבערשטן!" זאגט ווייטער דער אייבערשטער (שם, יז): "וְנָשְׂאוּ אִתְּךָ", זאגט רש"י: "הִתְנָה עִמָּהֶם עַל מְנָת שֶׁיְּקַבְּלוּ עֲלֵיהֶם טֹרַח בָּנַי, שֶׁהֵם טַרְחָנִים וְסַרְבָנִים", נעם זיך אויס מיט זיי אז זיי זאלן וויסן אין וואס זיי גייען אריין, זיי זאלן וויסן אז זיי טוען דאס על מנת די אידן וועלן זיי מטריח זיין און ווידערשפעניגן אין זיי.

דאס גייט אן אין אלע דורות; ווען מען וויל העלפן אויפבויען מוסדות וכו' דארף מען וויסן אז מען קען נאר העלפן אויב מען איז גרייט על מנת להסקל, אז מען וועט צוריק כאפן שטיינער וכו'. ווען מען ארבעט לשם שמים דעמאלט האט מען נישט קיין חלישות הדעת וכו', אבער אויב האט מען אינזין די אייגענע אינטערעסן, דעמאלט ווערט מען גלייך צעבראכן וכו'.

דעריבער בעט איך אייך מיינע טייערע תלמידים, אז איר האט זיך אונטער גענומען מיר צו העלפן אין אומאן זאלט איר זיין זייער שטארק ביי זיך נישט צו ווערן צעבראכן ווען איינער זאגט א שלעכט ווארט וכו'.

עס איז באוואוסט וואס דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געזאגט פאר זיינע קינדער ווען ער האט זיי געהייסן גיין נאך געלט: "איך בעט אייך איר זאלט נישט באקומען א שנאה אויף א איד וואס געבט נישט קיין צדקה"; דאס זעלבע בעט איך אייך: זעט עס זאל זיין אהבה צווישן אנשי שלומינו, בפרט צווישן אונז תלמידי היכל הקודש.

ווער עס איז עוסק מיט א רבים דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער העלף מיר אז איך זאל קיינעם נישט וויי טון און קיינער זאל מיר נישט וויי טון; איך זאל
~~~~~~~~~~~

נישט האבן פון קיינעם קיין חלישות הדעת און איך זאל נישט מאכן פאר קיינעם קיין חלישות הדעת״.

איך דאנק אייך פארן מיר העלפן; דער אייבערשטער זאל ענק בענטשן מיט נחת פון אייערע קינדער און איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**אז מ׳רייניגט דעם אייבערשטנ׳ס הויז ווערט מען געבענטשט**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת בהעלותך, י״ז סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו העלפסט רייניגן די ישיבה און די חדר; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סג:) אז ווען דער ארון איז געוועט אין שטוב פון עובד אדום פלעגט ער אויסקערן דעם פלאץ וואו דער ארון איז געשטאנען און אויפוואשן ארום דעם ארון, אויף דעם ארויף האט אים דער אייבערשטער געבענטשט, אזוי ווי עס שטייט (שמואל-ב ו, יב): ״וַיְבָרֶךְ ה׳ אֶת עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת כָּל בֵּיתוֹ״; די זעלבע זאך איז ווען מען רייניגט א פלאץ וואו מען לערנט תורה, מען געבט אכטונג עס זאל זיין ריין און צוזאמגענומען, דורכדעם איז מען זוכה זיין צו ווערן געבענטשט פונעם אייבערשטן.

זיי ממשיך מיטן העלפן טיילן עסן פאר די קינדער אינדערפרי; יעדע זאך וואס מען העלפט פארן מוסד העלפט מען זיך אליין, יעדע זאך וואס מען איז משמש דעם רבי׳ן איז א זכות פאר זיך און פאר די קומענדיגע דורות.

זע צו זאגן יעדן טאג דעם יום תהילים; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳, סימן עג): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וכו׳״, ווער עס זאגט תהילים וועט זוכה זיין תשובה צו טון און ווערן אן ערליכער איד; תשובה איז נישט פאסטן און תשובה איז נישט סיגופים, תשובה איז צוריק קומען צום אייבערשטן; תשובה איז צו זאגן פארן אייבערשטן: **״רבונו של עולם! איך הייב אן פון יעצט צו זיין אן ערליכער איד, איך הייב אן פון היינט צו גיין אין שול דאווענען. העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן כח זיך צו שטארקן אויף מיין יצר הרע״.**

געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך; בעט אים יעדע זאך וואס דו דארפסט, וועסטו אלעס באקומען. מוהרא״ש האט אונז אויסגעלערנט
~~~~~~~~~~

אז מיר האבן איין אדרעס פאר אלעס וואס מיר דארפן: "זיך ווענדן נאר צום אייבערשטן".

איך הער צוריק פון דיין מלמד אז דו גייסט הפצה זייער פלייסיג; וואויל איז דיר אז דו ביסט מזכה אידישע קינדער זיי זאלן וויסן פונעם רבינ'ס עצות.

בזכות וואס דו ביסט עוסק אין הפצה וועסטו האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**חבר'ן נאר מיט גוטע חבר'טעס, העלפן די עלטערן**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בהעלותך, י"ז סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך בעט אייך זייער: חבר'ט זיך נאר מיט ערליכע מיידלעך. לאזט אפ די מיידל, איר זענט נאך צו יונג צו מקרב זיין מיידלעך, זי וועט אייך שנעלער אראפ ברענגען ווי איר וועט איר אויפהייבן. א מיידל וואס שרייבט זיך מיט בחורים איז נישט קיין קלוגע מיידל, און זיכער אז זי דערציילט דאס פאר אנדערע חבר'טעס; דאס ווייזט אז זי איז נישט קיין גרויסע חכם און נישט קיין קליינע נאר; חבר'ט זיך נאר מיט מיידליך וואס רעדן איידל און פירן זיך איידל.

העלפט אייער מאמע; עס איז זייער א גרויסע מצוה צו העלפן אין שטוב די מאמע. נאך אביסל וועט איר חתונה האבן און איר וועט האבן קינדער, דעמאלט וועט איר אנהייבן אביסל צו פארשטיין וואס א מאמע איז, וואס א מאמע גייט אריבער מיט אירע קינדער ביז זי איז זוכה זיי צו ערציען; פיר און צוואנציג שעה א טאג איז זי פארנומען מיט די קינדער, זי קען נישט שלאפן ביינאכט ווייל די קינדער וועקן איר אויף, בייטאג איז זי פארנומען צו קאכן, באקן, רוימען, וואשן און וואס נישט; וואויל איז פאר קינדער וואס אנערקענען דאס גרויסקייט פון העלפן אין שטוב.

פאלגט מיר; זוכט נישט ארויס צו גיין ביינאכט מיט פרענדס פארברענגען וכו', ענדערש בלייבט אין שטוב העלפן אייער מאמע. איר האט זייער חשוב'ע עלטערן, זיי זענען מיר טיף איינגעקריצט אין הארץ.

זעט צו העלפן אין שטוב, דורכדעם וועט איר זוכה זיין צו טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן שיינע ערליכע דורות.
~~~~~~~~~~

זאגט אביסל תהילים יעדן טאג, און זיכער געדענקט צו רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**אכטונג געבן עס זאל זיין שלום אין שטוב, בפרט ערב שבת; זיך אנגרייטן שיינע מעשיות פאר די קינדער; העלפן די ווייב; נישט ווערן פארדרייט אז די ווייב איז א שטער פאר עבודת ה'.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, י"ח סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

שטארק דיך מיט אלע דיינע כוחות עס זאל זיין שלום ביי דיר אין שטוב.

פרייטאג ערב שבת קודש דארף מען מער אכטונג געבן זיך נישט אויפצורעגן אין שטוב; דער הייליגער חיד"א שרייבט אין ספר עבודת הקודש (מורה באצבע סימן ד, אות קמ) אז ערב שבת קומט דער שטן אין יעדע שטוב און ערווארט נאר אז עס זאל אויסברעכן א מחלוקה צווישן מאן און ווייב, ער האט זייער מורא ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך, בעיקר שבת קודש, ווייל ווען די מאן און ווייב פארטראגן זיך און לעבן צוזאמען באהבה ושלום, דעמאלט האט ער נישט קיין שום שליטה אויף זיי, ער ווערט ארויס געטריבן פון אזא סארט שטוב; דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט קריגן, עס זאל גארנישט אנגיין, און מען זאל זיך נישט בייזערן אויף יעדע קליינקייט וואס פאסירט.

גרייט דיר אן שיינע מעשיות וואס צו דערציילן ביי די שבת סעודה; קינדער האבן זייער ליב צו הערן מעשיות און דאס פלאקערט אויף זייער הארץ לעבודת השם יתברך, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זאלסט וויסן - זאגט דער רבי - אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק ווערט מען אויף געפלאמט, און מען באקומט א מורא'דיגע חשק צו ווערן אן ערליכער איד; דורכדעם וואס מען זעט ווי דער צדיק האט זוכה געווען און ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות, וויל מען אויך ווערן א צדיק, בפרט ווען א קינד הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט ער זייער נתעורר דורך דעם.
~~~~~~~~~~

פארגעס נישט פון דיין ווייב תחי׳; זיי א וואוילער מענטש אין שטוב, זיי אן איש החסד אין שטוב און זיי דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה אויך אין שטוב. זע זיך צו פירן אין שטוב וכו׳ אזוי ווי דו האסט געלערנט אין ישיבה; געדענק צו געבן גוטע ווערטער פאר דיין ווייב. קיינער זאל דיר נישט איינרעדן אז עבודת השם איז צו זיין אפגעשיידט וכו׳, הער נישט צו צו די וואס זאגן אז די שטוב איז א שטער צו עבודת השם, עס איז פונקט פארקערט, אויב מען איז זוכה און מען לעבט אן קיין פרישות אין שטוב, מען פירט זיך אזוי ווי עס שטייט אין די תורה - דעמאלט איז מען זוכה צו א ריינע מח, און אזוי קען מען דינען דעם אייבערשטן אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן אלעס גוטס.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון גיין אנגעטון בצניעות; מען דארף אסאך מתפלל זיין צו האבן גוטע קינדער; עס איז כדאי צו קומען צום פארשטעלונג: "די פארלוירענע בת מלך".**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, י"ח סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מרת ... תחי׳**

דאס שיינקייט פון א אידישע פרוי איז איר צניעות; אז מען פירט זיך איידל, מען גייט אנגעטון איידל און מען רעדט איידל - דאס איז די גאוה פון א אידישע פרוי. דאס ברענגט גוטע קינדער און דאס ברענגט אז דער שכינה זאל רוען אין שטוב.

אסאך מאל האט מען נסיונות וכו׳, אבער וואויל איז די פרוי וואס שטארקט זיך און גייט אנגעטון בצניעות, דורכדעם וועט זי זוכה זיין צו זען ערליכע דורות, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער.

בשעת א פרוי צינדט אן די שבת ליכט איז זייער א גרויסע עת רצון; מען קען דעמאלט פועל׳ן גרויסע זאכן. ווען פרויען וואלטן ווען געוואוסט ווי חשוב זייערע תפילות זענען ביים אייבערשטן בשעת זיי צינדן אן די שבת ליכט וואלטן זיי מתפלל געווען צום אייבערשטן פאר זיך, פארן מאן און בעיקר פאר די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

וויפיל טרערן דארף מען פארגיסן אז מען זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער; טראכטס נישט: ׳מיינע קינדער זענען נאך יונג׳, ווייל מען געבט זיך איין דריי און מען
~~~~~~~~~~~

האט שוין גרויסע קינדער, דעמאלט וועט צוניץ קומען יעדע תפילה און יעדע טרער וואס מען האט געבעטן און געוויינט פאר זיי. איז ווען איר צינדט אן די שבת ליכט לייגטס ארויף די הענט אויף די אויגן און וויינט זיך אויס צום אייבערשטן ער זאל אייך העלפן; בעטס אים: **"רבונו של עולם, טאטע זיסער! געב אונז א שיינע שבת, א שיינע לעבן, א לעבן מיט שלום, א לעבן מיט ליבשאפט; איך זאל זיך אויסקומען מיט מיין מאן און איך זאל אים שעצן. רבונו של עולם הער אויס מיין געבעט, העלף מיר איך זאל האבן ערליכע קינדער וואס וועלן דיר דינען מיט ליבשאפט. רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד יעצט אן די שבת ליכט, מאך אונז ליכטיג אונזער לעבן און מאך ליכטיג פאר אלע אידישע קינדער; אלע זאלן וויסן פון דיר, אלע זאלן וויסן פון הייליגן רבי'ן".**

דער עיקר זאלט איר בעטן אייערע אייגענע תפילות; ווייל ווען א פרוי בעט דעם אייבערשטער אויף איר אייגענע שפראך, עפענען זיך אויף אלע הימלען און אלע תפילות גייען ארויף גלייך צום אייבערשטן.

דינסטאג און מיטוואך וועט אם ירצה ה' פארקומען א פלעי וואס די מיידלעך פון "בית פיגא" שטעלן פאר; עס איז כדאי צו קומען קוקן ווי אזוי מיר ברענגען אויף אונזערע מיידלעך, מיט אמונה, צניעות, יראת שמים און מידות טובות. זה חלקי מכל עמלי צו זען ווי עס וואקסט אויף א יונגע דור סאלדאטן פארן אייבערשטן, זיי לעבן מיטן רבי'ן און פירן זיך אויף די וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז געלערנט פון הייליגן רבי'ן.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~

**נאך די שוועריקייטן קומט גוטע צייטן**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, י"ח סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

יעצט האט ער מיר געשריבן אז ער איז שוין אנגעקומען קיין אמעריקע; קומענדיגע וואך וועלן זיין צוויי תלמידים אם ירצה ה' אין יבניאל, וועסטו זיי איבער געבן די אשר בנחל.

א גרויסן יישר כח, חזק ואמץ! הכל מה שעובר שם וכו', זה בשביל הבחירה והנסיון; זכור תזכור מה שרבינו אומר (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קסט): "כְּשֶׁבָּא לָאָדָם גַּדְלוּת,
~~~~~~~~~~

סִימָן שֶׁיָּבוֹא לוֹ צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (משלי טז, יח): "לִפְנֵי שֶׁבֶר גָּאוֹן", וְכֵן כְּשֶׁהוּא שָׁפָל, סִימָן שֶׁיָּבוֹא לְכָבוֹד גָּדוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם טו, לג): "וְלִפְנֵי כָבוֹד עֲנָוָה"; וכמו כן מה שחזר מוהרא"ש כל הזמן, כתוב בתורה (בראשית א, ה): "וַיְהִי עֶרֶב", ואחר כך "וַיְהִי בֹקֶר"; ומאי טעמא עיזי מסגן ברישא והדר אימרי? אמר ליה: כברייתו של עולם - דברישא חשוכא, והדר נהורא (שבת עז.).

והחלום שסיפר אדל לר' נתן שראה רבינו רוצה להכנס לבית המדרש וכו'.

שטארק דיך ברודער!

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## וואס איז דער סדר פון מאכן התבודדות?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א פרוי פון ארץ ישראל, איך האב געהערט אסאך פון אייך איבער דעם ענין פון "התבודדות", אז נאר דאס איז די עצה ארויסצוקריכן פון אלע פראבלעמען, איך האב אבער א פראבלעם אז איך ווייס נישט ווי אזוי דאס צו טון, איך האב געליינט אין א ספר דער גאנצער סדר פון התבודדות, קודם דאנקען, נאכדעם א תפלה אויף התבודדות, תפלה אויף אלע אידישע קינדער, חשבון הנפש, און עת רצון; און דאס פארשווערט מיר זייער דאס מאכן התבודדות, ווייל איך קען נישט טון דעם גאנצן סדר, איך שפיר אז התבודדות איז פשוט רעדן צום אייבערשטן פון הארץ ארויס.

ווי איך וויסן אויב דאס ווערט אויך גערעכנט פאר התבודדות, ווען מ'רעדט זיך פשוט אויס צום אייבערשטן די אייגענע געפילן, אדער נאר ווען מ'טוט דעם גאנצן סדר אזוי ווי איך האב געליינט אין יענעם ספר.

איך שפיר אז דער סדר האלט מיר צוריק פון קענען תשובה טון אויף מיינע שלעכטע מעשים.

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בהעלותך, י"ג סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איר זאלט רעדן צום אייבערשטן ווי אזוי איר ווילט; קוקט נישט אויף א צווייטן, נאר רעדט צו אים אזוי ווי איר וואלט זיך אויסגערעדט צו א גוטע חבר'טע, קוקט נישט אויף קיינעם און הערט נישט צו קיינעם, רעדט צום אייבערשטן ווי עס שיינט אייך. די גאנצע זאך פון התבודדות איז אז דער מענטש ווערט באהאפטן מיטן אייבערשטן, ער שמועסט מיטן אייבערשטן אזוי ווי ער וואלט זיך אויסגעשמועסט מיט א נאנטע חבר.

ווען ר' נתן איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, איז ער געקומען צום רבי'ן און אים פארציילט אלעס וואס גייט אריבער אויף אים וכו' וכו', האט אים דער רבי געזאגט: "נתן, קום אביסל שפאצירן", אזוי גייענדיג האט דער רבי ארויף געלייגט זיין האנט אויף ר' נתנ'ס אקסל און אים געזאגט אפאר ווערטער, וואס די פאר ווערטער האט געטוישט ר' נתנ'ס גאנצע לעבן, דער רבי האט אים געזאגט: **"און ווייטער איז גוט, אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטע**

פריינד"; דער רבי האט אים דעמאלט מגלה געווען דער ענין פון התבודדות, אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין שפראך וואס ער איז צוגעוואוינט צו רעדן און אים אלעס אויסדערציילן, ער זאל גארנישט פארהוילן פונעם אייבערשטן. דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן אז אויב ער וועט זיך צוגעוואוינען זיך צו פירן מיט די הנהגה, וועט אים אלעס גיין גרינגער און ער וועט האבן א זיס לעבן.

ר' נתן זכרונו לברכה האט שפעטער דערציילט: "ווען דער רבי האט ארויף געלייגט זיין האנט אויף מיין אקסל און מיר געזאגט די ווערטער: **'און ווייטער איז גוט, אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן, אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטע פריינד'**, האב איך פארשטאנען אז איך בין שוין א געהאלפענער, ווייל וואס עס זאל נאר נישט אריבער גיין אויף מיר וועל איך זיך נישט פארלירן, נאר איך וועל גיין צום אייבערשטן און אים אלעס אויסדערציילן".

ווען א מענטש הייבט אן פאלגן דעם רבי'ן, יעדן טאג רעדט ער זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער דאנקט אים אויף אלעס וואס ער האט, ער בעט אים אויף אלעס וואס ער דארף און ער דערציילט אים אלעס וואס באדערט אים, און אויב מען איז אראפגעפאלן און געטון שלעכטע מעשים דערציילט מען עס פארן אייבערשטן, און מען בעט אים ער זאל מוחל זיין - אזא מענטש לעבט שוין דא בזה העולם אין "גן עדן", אזא מענטש לעבט א חיים טובים, ער לעבט מיט אמונה, ער ווייסט אז קיינער קען אים נישט טשעפען און קיינער קען אים גארנישט שלעכטס טון.

איך שיק אייך דא א קליינע תפילה וואס איר זאלט בעטן דעם אייבערשטן:

**"רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר! איך בין אזוי צעבראכן, איך בין אזוי דיפרעסט, העלף מיר אייבערשטער איך זאל ארויס גיין פון מיין דיפרעשן, העלף מיר אייבערשטער איך זאל זיין פרייליך. איך האב נישט קיין כח מער צו גארנישט, איך וויל זיין געזונט און שטארק, געב מיר פרישע כוחות איך זאל קענען אנגיין אין לעבן.**

**רבונו של עולם! זיי מיר מוחל אויף אלע מיינע נישט גוטע מעשים וואס איך האב געטון, איך זאג דיר צו אז איך גיי זיין וואויל, איך גיי מער נישט טון קיין עבירות, איך גיי מער נישט קוקן קיין שמוץ, איך האב חרטה אויף אלע שלעכטע מעשים וואס איך האב געטון, איך בין אזוי צעבראכן; קוק צו מיין צער און פיין, זאל דאס זיין א כפרה אויף אלע מיינע מעשים".**

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זיין געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~

**איך בעט אזוי סאך וועגן מיינע אלערדזשיס, וואו גייען אלע תפלות?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין אלערזשיק צו מילכיגס, און איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז איך זאל שוין קענען עסן מילכיגס, איך שפיר אבער ווי מיינע תפלות גייען צו די לופט, עס רוקט זיך גארנישט. איך האף אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר געבן אן עצה וואס צו טון אז איך זאל שפירן אז דער אייבערשטער הערט מיר יא אויס.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

טו וואס ר' נתן האט אונז אויסגעלערנט; דער הייליגער ר' נתן זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "ווען א מענטש רעדט זיך אפ, זאגט דער אייבערשטער: 'קוקט אן דעם מענטש, איך געב אים גוטס און דאך רעדט ער זיך אפ, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט שלעכט', אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן זאגט דער אייבערשטער: 'קוקט אן דעם מענטש, ער האט גארנישט אין לעבן, און ער איז אזוי פרייליך און דאנקבאר, איך וועל אים ווייזן וואס מיינט גוט', און מען געבט אים א גוטע לעבן".

געוואוין זיך צו צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר; דאנק אים אז דו ביסט געזונט, דאנק אים אז דו קענסט עסן פלייש און פיש; וויפיל מענטשן ליגן נעבעך אין שפיטאל און קענען נישט עסן נאר דורך אינטערווינעס - דער אייבערשטער זאל אונז אלע אפהיטן פון דעם, אז דו וועסט דאנקען דעם אייבערשטן וועט דער אייבערשטער זאגן פאר די מלאכים: "קוקט אויף דעם מענטש וואס דאנקט מיר און לויבט מיר, לאמיר אים געבן נאך גוטס".

א איד טאר נישט זאגן: "מיינע תפילות גייען צו די לופט"; קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד, נאר יעדע תפילה גייט ארויף צום אייבערשטן. קוק וואס דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ב): "וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִילּוֹת הֵם לָרִיק", עס זענען דא מענטשן וואס זענען זיך טועה און מיינען אז אלע תפילות וואס מען בעט גייט צו די לופט, "אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן
~~~~~~~~~~

**וּבַשְּׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִילוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין", עס איז נישט אזוי, נאר אלע תפילות גיין ארויף אויבן צום אייבערשטן.**

**דו בעט ווייטער דעם אייבערשטן זאלסט קענען עסן מילכיגס, און אנשטאט נאר בעטן, זאלסטו קודם דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס דו קענסט יא עסן - וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.**

**זאג פארן אייבערשטן: "רבונו של עולם! איך דאנק דיר אז איך בין געזונט און שטארק, איך לויב דיר אז איך קען עסן געזונטע עסן. יישר כח אייבערשטער אז איך בין נישט אין שפיטאל באהאפטן צו אינטערווינעס; מיין לעבן איז מיר אזוי גוט, וויפיל איך וועל דיר דאנקען וועל איך נישט קענען אנהייבן דיר צו דאנקען אפילו אויף איין פינטעלע גוטס וואס דו געבסט מיר; דו ביסט אזוי גוט צו מיר, איך האב דיר אזוי ליב אייבערשטער.**

**איך בעט דיר זייער אייבערשטער, העלף מיר איך זאל קענען עסן אלע סארט עסן, איך זאל אויך קענען עסן מילכיגס און עס זאל נישט שאטן פאר מיין געזונט. רבונו של עולם! ווייז מיר אז דו הערסט אויס מיינע תפילות, באווייז דיך פאר מיר, איך וויל שפירן ווי מיינע תפילות ווערן אנגענומען", אזוי זאלסטו דאנקען און בעטן דעם אייבערשטן ביז דו וועסט זען דיין ישועה.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זיין געזונט און שטארק.**

**איך ווארט זאלסט מיר שרייבן אז דו קענסט שוין עסן מילכיגס.**

**...**

~~~~~~~~~~

## איך פארשטיי זיך נישט מיט מיין מאן, ווי אזוי קען מען מאכן שלום אין שטוב?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב חתונה געהאט מיט מיין מאן פאר 6 יאר, מיר האבן ב"ה א קינד, בערך 2 יאר אלט, אויך ווען מיר האבן געווארט אסאך יארן. איך האב ב"ה געלעבט מיט מיין מאן זייער גוט אין די לעצטערע יארן, ביז ווען לעצטנס האט זיך עס געטוישט, ס'האט זיך אנגעהויבן אסאך קריגערייען צווישן אונז. דאס איז סתם אזוי א גרויסער פראבלעם, און נאך מער אז דאס קינד דארף זיך צוקוקן צו דעם.

מיין פראבלעם איז אז מיר פארשטייען זיך נישט, מיין מאן הערט מיר נישט אויס געהעריג, איך קען צומאל רעדן צו אים און ער הערט אפילו נישט וואס איך זאג, ער טענה'ט אז איך מאך אים קאפ ווייטאג ווען איך רעד צו אים.
~~~~~~~~~~

למעשה ברעכט אויס זייער אסאך מאל שרייערייען און קריגערייען ביי אונז אין שטוב, אסאך מאל איז עס ממש פאר נארישקייטן, און אסאך מאל ווייל ער הערט זיך נישט צו צו מיר, וואס קען איך טון צו מאכן צוריק שלום ביי אונז אין שטוב, אז מיין מאן זאל מיר אויסהערן און מיר זאלן זיך פארשטיין. ווי אזוי קען איך מאכן אז איך זאל נישט שרייען ווען ער הערט מיר נישט אויס, נאר איך זאל אים קלאר מסביר זיין וואס ס'שטערט מיר און וואס ער טוט נישט גוט, ער פארשטייט בכלל נישט וואס ער טוט נישט ריכטיג.

א גרויסן ישר כח פאר אלעס.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בהעלותך, י״ד סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וויסן זאלט איר אז קיינער האט נישט ליב קיין קריטיק - בפרט קריטיק פון די אייגענע ווייב; אז איר וועט שרייען אויף אייער מאן וועט איר גארנישט אויפטון, איר וועט נאר ערגער מאכן.

שלמה המלך זאגט (משלי כז, יט): ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, אזוי ווי ווען מען קוקט אין וואסער זעט מען זיך - ווען מען שמייכלט זעט מען א שמייכל, און ווען מען איז זויער זעט מען א זויערע בילד; אזוי איז א מענטש צום חבר - ווען מען שמייכלט שמייכלט יענער צוריק, און ווען מען איז שלעכט, איז יענער שלעכט צוריק צו דיר. געדענקט, די גאנצע לעבן איז אזוי ווי א ׳שפיגעלע׳, אויב מען שמייכלט צו א ׳שפיגל׳, זעט מען ווי איינער שמייכלט צוריק און אויב מען ווייזט א זויערע פנים צום ׳שפיגל׳, זעט מען א זויערע פנים.

די נאטור פון א מאן איז אז ער האלט זיך גרויס; ער האט נישט ליב ווען מען שרייט אויף אים און ווען מען זאגט אים אריין. דעריבער זאלט איר רעדן צו אייער מאן מיט א ווייכע קול, נישט מיט א נערוועזקייט און גערעגטקייט, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי טו, א): ״מַעֲנֶה רַּךְ, יָשִׁיב חֵמָה״, איינער וואס רעדט שיין און איידל נעמט אוועק צארן; אז איר וועט שרייען אויף אייער מאן וועט איר גארנישט אויפטון, ער וועט נישט צוהערן וואס איר זאגט, ער וועט זיך נאר אויפרעגן און צוריק שרייען, און עס קען נאך גיין ווייטער, אז ער וועט אנהייבן שעלטן אדער גאר הייבן הענט.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה יז, יז): ״אָדָם נִבְרָא מֵאֲדָמָה, וְכֵיוָן שֶׁאִשָּׁה נוֹתֵן עָלֶיהָ טִפָּה שֶׁל מַיִם מִיָּד הִיא נִשְׁרֵית״, אדם הראשון איז באשאפן געווארן פון ערד, דעריבער איז דער מאן אזוי ווי ערד; אזוי ווי ווען מען גיסט וואסער אויף ערד ווערט

עס ווייך, די זעלבע זאך, ווען מען גיסט גוטע ווערטער אויפן מאן, מען רעדט שיין צו אים, מען קוקט אים ארויף, ווערט ער ווייך און מען קען ביי אים אלעס פועל'ן.

ווען איר צינדט אן די שבת ליכט, בעטס פונעם אייבערשטן אז איר מיט אייער מאן זאלן זיך פארשטיין; בלייבט שטיין ביי די שבת ליכט, נעמט נישט אראפ אייערע הענט פון פנים און בעט:

**"רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל האבן א שיינע לעבן מיט מיין מאן, העלף אז מיר זאלן זיך פארשטיין אין זיך ליב האבן איינעם דעם צווייטן. העלף מיר איך זאל רעדן שיין צו מיין מאן, איך זאל קיינמאל נישט שרייען אויף אים און איך זאל אים נישט ווי טון. הייליגער באשעפער, העלף מיר אז מיין מאן זאל מיך אויסהערן ווען איך רעדט צו אים, מיין מאן זאל מיר ווייזן אז ער האט מיר ליב, ער זאל ווייזן אינטערעסע אין מיר און ער זאל מיר קיינמאל נישט טשעפען.**

**הייליגער באשעפער! איך בענק מיך צוריק צו מיינע יארן נאך די חתונה ווען מיר האבן געלעבט אזוי גליקליך, איך ווייס נישט וואס עס האט פאסירט לעצטנס, מיר האלטן זיך אין איין קריגן, העלף מיר טאטע זיסער עס זאל זיין שלום צווישן אונז".**

איך האב אייך געשריבן בלויז אפאר ווערטער וואס צו בעטן, אבער דער עיקר זאלט איר אליינס בעטן וואס ליגט אייך אנגעלייגט אויפן הארץ, וועט איר זוכה זיין צו לעבן אזוי ווי נאך ענקער חתונה - און נאך בעסער.

איך זאג אייך נאכאמאל: אז איר וועט שרייען אויף אייער מאן וועט די מצב נאר ערגער ווערן, אבער אז איר וועט רעדן שיין צו אים וועט ער ליב האבן צו שמועסן מיט אייך.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט לעבן בשלום איינער מיטן צווייטן.

...

~~~~~~~~~~~

### מעג מען טוישן דעם לבוש אינדערהיים?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיין ווייב גייט ב"ה זייער צניעות'דיג אויפ'ן גאס, איך האב זייער הנאה דערפון אז זי איז נישט מכשיל קיין פרעמדע מענער. איך וויל נאר וויסן אויב איך מעג פארלאנגען אז זי זאל טוישן איר לבוש אינדערהיים?

א גרויסן יישר כח, משה
~~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בהעלותך, י״ד סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לעבסט בשלום מיט דיין ווייב; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה יז.): ״אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן״, ווען מען לעבט בשלום דעמאלט איז מען זוכה אז די שכינה רועט אין שטוב, ווייל דער אייבערשטנס נאמען איז שלום (שבת י.). און אז מען איז בשלום איז דא השראת השכינה, און פאקערט, אז מען קריגט זיך פארטרייבט מען די שכינה, און אנשטאט די שכינה קומט דער שטן השם ישמרינו.

וואויל איז דיר אז דו שעצט דיין ווייב ווי זי גייט אנגעטון בצניעות; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, אז א פרוי גייט אנגעטון צניעות׳דיג וועט זי זוכה זיין צו גוטע קינדער; ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו גוטע קינדער? עס כאפט א שרעק וואס גייט פאר אין אונזער דור, וויפיל אידישע קינדער פאלן אוועק פון אידישקייט, וויפיל בחורים און מיידלעך פאלן אוועק טאג טעגליך; דא געבט אונז דער הייליגער רבי נישט בלויז אן עצה נאר אויך א הבטחה: ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, דארפן מיר זיך דאך צו כאפן צו דעם און פאלגן דעם הייליגן רבי׳ן, וועלן מיר האבן ערליכע קינדער און שעפן נחת פון זיי.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (מעשיות בסוף סיפורי מעשיות): עס איז געווען א צדיק וואס האט זיך אינגאנצן אויסגעארבעט און ער איז ארויף אויבן אין הימל און געזען ווי עס שטייט א טאפ מיט שטיקער פלייש און ביינער, האט ער געפרעגט: ״וואס איז דאס?״ האט מען אים געענטפערט: ״דאס איז פון א פרוי וואס פלעגט גיין אנגעטון נישט צניעות׳דיג און זי פלעגט אנרייצן בחורים און אינגעלייט צו קוקן אויף איר, דאס איז איר שטראף, אז זי ווערט יעדן טאג אויפגעקאכט אין בריעדיגע וואסער״.

עס זענען דא אינגעלייט וואס מאכן משוגע זייערע ווייבער זיך צו טוישן זייער ערליכע לבוש; זיי דרייען ארויף דעם קאפ פאר די ווייב זי זאל זיך אנטון אויפן גאס מער פראסט און מער אויפפאלנד. אנשטאט ער זאל דאנקען דעם אייבערשטן אז זיין ווייב איז איידל און טייער, עסט ער זיך אויף און זוכט זיך צרות פון אונטער דער ערד.

אין שטוב איז נישט קיין פראבלעם אז מען שטעלט זיך אהער פארן מאן וכו׳, מען דארף נאר אכטונג געבן נישט צו צעמישן די קינדער וכו׳, אבער אין גאס איז צניעות א

מעלה נישט קיין קנס; איידלקייט און באשיידנקייט איז א מעלה און דורכדעם איז מען אפגעהיטן פון נישט גוטע זאכן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען נחת פון דיינע קינדער; עס זאל מקוים ווערן ביי דיר די ברכה וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא וישלח, ו): אויפן פסוק (תהלים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה" - ווען איז א פרוי ווי א ווייסשטאק, ווען איז א פרוי זוכה צו זיין "כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה" אויפצושטעלן א שטוב מיט קינדער? ווען זי איז "בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ"; ווען זי פירט זיך איידל און גייט אנגעטון איידל, דעמאלט וועט זי זוכה זיין צו די ברכה פון "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים", זי וועט אויפשטעלן קינדער וואס וועלן געזאלבט ווערן מיטן שמן המשחה.

...

~~~~~~~~~~

## מ'רודפ'ט מיינע קינדער אין חדר און אין שולע, וואס קען איך טון?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א אינגערמאן פון ארץ ישראל, וואו איך האב ב"ה זייער שיין חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שיינע שטוב, איך לעב ב"ה א ערליך לעבן מיט מיין ווייב און קינדער, איך האב ב"ה קיינמאל נישט געהאט קיין פראבלעמען, איך האב ב"ה געראטענע קינדער און איך האב געטון ערליכע שידוכים מיט זיי. איך האב ב"ה ברייט פרנסה, און אלעס גייט מיר זייער גוט, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

לעצטנס האט זיך אבער געמאכט אן אינצידענט און דאס האט געברענגט אז די מענטשן אין מיין געגנט האבן מיר אנגעהויבן זייער שטארק צו רודפ'ן, דאס וואלט מיר נישט אזוי געשטערט, דער פראבלעם איז אבער אז ס'איז געגאנגען נאך ווייטער, אז מ'האט אויך אנגעהויבן צו רודפ'ן מיינע קינדער, סיי די אינגלעך און סיי די מיידלעך, אין חדר און אין שולע.

די קינדער קומען אהיים ממש אויסגעלאשן, זיי דערציילן ווי מען רודפ'ט זיי און מען פייניגט זיי אויס, און דאס מאכט מיר געפערליכע צער. איך און מיין ווייב מאכן נאס דעם קושן יעדע נאכט.

ליידער איז נישטא מיט וועמען צו רעדן, נישטא קיין הנהלה אדער רבנים וואס זאלן זיך צוהערן צו אונזער ווייטאג. וואס זענען שולדיג מיינע אומשולדיגע קינדער, אז מ'טשעפעט זיי אזויפיל און מ'געבט זיי צונעמען, און אזוי ווייטער.

ביטע האט רחמנות אויף מיין משפחה וואס גייט ממש צוגרינד, און געבט אונז אן עצה וואס צו טון.

א גרויסן יישר כח, יעקב

### תשובה:
~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בהעלותך, י"ד סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך ווינ ווען איך ליין דיין בריוו.

איך בין דאס אריבער ווען איך האב געעפענט די ברסלב'ע ישיבה; פאר צען יאר צוריק האט מען דאס געטון מיט מיינע קינדער. מען האט זיי געטשעפעט און פארשעמט, מען איז זיי נאכגעלאפן אין די גאסן, די שכנים וכו' האבן זיי נאכגעשריגן מיט אלע מיאוס'ע ווערטער אויף זייער טאטע, דאס האט מיר זייער ווייי געטון, נאך מער פון אלעס.

פרוביר צו רעדן צו די מלמדים און טיטשערס פון דיינע קינדער, פארצייל זיי וואס מען טוט מיט די קינדער, זיי ווען אודאי אנזאגן די תלמידים אז מען טאר נישט וויי טון א צווייטן איד. אויב זיי וועלן זיך נישט וואוסענדיג מאכן, זיי וועלן זאגן אז עס איז א מצוה צו רודפ'ן דיינע קינדער זאלסטו ארויס נעמען דיינע קינדער פון אזא פלאץ; אויב א מלמד איז מחנך זיינע תלמידים מיט רשעות, צו טשעפען אנדערע קינדער, וועלן אלע קינדער ביים סוף ארויס גיין לתרבות רעה.

איך ווייס נישט וואו דו געהערסט, צו וואסערע חסידות וכו'; איך וויל דיר דערציילן אז דא איז דא א געגענט וכו' וואו מען האט פאר דרייסיג יאר צוריק מחנך געווען קינדער צו שפייען אויף קינדער וואס לערנען אין אן אנדערע מוסד, מען האט אויסגעלערנט די מיידלעך אז ווען זיי זעען א מיידל וואס גייט אין די אנדערע שולע זאל מען ציען אירע האר און שרייען מיאוס'ע ווערטער. רוב פון די קינדער זענען ארויס לתרבות רעה און די איבעריגע האבן נעבעך יענעם חיים טובים.

דערווייל לייג אריין אין זיי א שטארקייט אז זיי זאלן נישט ווערן צעפאלן און דערנידערט פון קיינעם; אויב איינער שלאגט זיי, זאלן זיי צוריק געבן מכות רצח, זיי זאלן נישט מורא האבן פון קיינעם. זאג זיי אן אז קיינער קען נישט קומען שרייען אויף זיי "נקמה", ווייל מען דארף אויסלערנען פאר די קינדער: "הבא להרגך השכם להרגו", דאס הייסט "סעלף דיפענס" וואס איז נישט נקמה, ווייל נקמה מיינט אז איינער האט מיר שלעכטס געטון טאר איך אים נישט צוריק טון קיין שלעכטס, אבער אז איינער וויל מיר שלאגן איז נישט קיין מצוה זיך צו לאזן שלאגן.

עס איז נישט דא קיין שום היתר צו טשעפען קינדער וועגן די עלטערן; ווען דער הייליגער סאטמארער רב זכותו יגן עלינו האט געעפענט די חדר "תורה ויראה", האט ער געזאגט אז מען קען נישט קוקן אויף די עלטערן וכו', ער האט געהייסן אריין נעמען

אין חדר און אין שולע ווער עס האט נאר געוואלט; ווען עלטערן זענען געקומען זיך אפרעדן אז עס זענען דא קינדער וואס זייערע עלטערן היטן נישט קיין שבת, און זיי ווילן נישט אז זייערע קינדער זאלן לערנען צוזאמען מיט זיי, האט דער רבי זי"ע געענטפערט: "אויב איר ווילט נעמט ארויס אייער קינד"... אזוי אויך האט מען זיך אפגערעדט אז עס זענען דא עלטערן וואס פארמאגן טעלעוויזשן אין שטוב, אויף די אלע טענות האט דער רבי געענטפערט: "מיט די צייט וועלן די קינדער משפיע זיין אויף די עלטערן זיי זאלן אויך תשובה טון"; ער האט בשום אין אופן נישט געלאזט מען זאל ארויס ווארפן א קינד וועגן די עלטערן.

דעריבער זאלסטו נאכאמאל פרובירן צו רעדן צו די מלמדים און טיטשערס, צום מנהל און מנהלת אז מען טוט ווייטיק דיינע קינדער; אפשר איז עס נישט ממש ווי דו זאגסט, אפשר זוכן דיינע קינדער צו טשעפען מיט אנדערע, זיי מברר וואס גייט פאר, און אויב עס איז טאקע אזוי ווי דו זאגסט, זאלסטו שוין ארויס נעמען דיינע קינדער פון אזא פלאץ וואס וועט סיי ווי צעפאלן.

די הנהלת המוסד איז געקומען אמאל צום הייליגן סאטמארער רבי זאגן אז עס איז נישט דא קיין געלט און די מוסד האלט זיך ביים פארמאכן, האט דער רבי זכותו יגן עלינו זיי געזאגט אזוי: "א מוסד מאכט זיך נישט צו אז מען האט נישט קיין געלט, א מוסד מאכט מאכט זיך צו פון מחלוקות"; קינדער טאר מען נישט אריין מישן אין קיין מחלוקת, קינדער וואס הערן רעדן אויף א צווייטע איד וועלן שפעטער אוועק גיין פון אידישקייט, מחלוקות איז נישט גוט פאר קיינעם, עס קומט נישט ארויס קיין גוטס פאר קיינעם, ספעציעל פאר קינדער.

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, און אונז שיקן דעם גואל צדק וואס זאל מאכן שלום צווישן אונז, אזוי ווי עס שטייט (מלאכי ג): "הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא וגו' והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם", און חכמינו זכרונם לברכה דרש'נען אויף דעם (עדיות, ח): "אין אליהו בא לא לרחק ולא לקרב, אלא לעשות שלום בעולם", אליהו הנביא וועט קומען נאר צו מאכן שלום אויף די וועלט; אמן.

...

~~~~~~~~~~

**אז איך באקום געלט פון כולל, הייסט דאס אז איך ליג אין תאוות ממון?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~

איך בין א פרישער אינגערמאן, באלד ענדיגט זיך מיין שנה ראשונה, און איך לערן אין א כולל הלכה, און איך מוטשע זיך מיט מחשבות אויב איך טו ריכטיג, ווייל איך ווייס אז ביים הייליגן רבי'ן איז דער תאווה צו געלט געווען פון די ערגסטע זאכן, און ווען איך לערן אין כולל שפיר איך אז אלעס דרייט זיך נאר ארום געלט, דאס קומען צייטליך, די בחינות, לערנען רציפות, און אזוי ווייטער. הייסט דאס אז איך ליג אין תאוות ממון?

פון די אנדערע זייט וויל איך למעשה לערנען תורה ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נישט סתם פאר ביזנעס חס ושלום. אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר אויסקלארן ווי אזוי איך דארף באטראכטן די זאך.

א גרויסן יישר כח, שמואל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בהעלותך, י״ד סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד שמואל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לערנסט די הייליגע תורה און דו לערנסט שלחן ערוך אויף הלכה למעשה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): אויפן פסוק (תהילים פז, ב): ״אֹהֵב ה׳ שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב״, דער אייבערשטער האט ליב ווען מען לערנט הלכה מער ווי אלע אנדערע לימודים, ווייל ״מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ, אֶלָּא אַרְבַּע אַמּוֹת שֶׁל הֲלָכָה בִּלְבַד״, פון ווען מיר האבן פארלוירן דעם בית המקדש - דעם אייבערשטנ׳ס הויז, וואוינט דער אייבערשטער דארט וואו מען לערנט הלכה; דערפאר האט דער רבי זייער מקפיד געווען אז יעדער איד דארף לערנען יעדן טאג הלכה (עיין שיחות הר״ן, סימן כט); וואויל איז דיר אז דו ביסט זוכה צו לערנען רוב צייט פון דיין טאג הלכה למעשה.

אז מען קומט צייטליך אין כולל, מען נעמט די בחינות און מען לערנט שעות רצופות - דאס מיינט נישט תאוות ממון, דאס מיינט אז מען איז א בעל אחריות. א אינגערמאן ווען ער האט חתונה שרייבט ער אונטער אין די כתובה: ״וַאֲנָא אֶזוֹן וַאֲפַלַּח וְאוֹקִיר וַאֲפַרְנֵס יָתֵייכִי כְּהִלְכוֹת גּוּבְרִין יְהוּדָאִין״, איך נעם זיך אונטער צו ברענגען פרנסה; ווען דו האסט חתונה געהאט האסטו זיך מתחייב געווען צו ברענגען פרנסה פאר דיין ווייב, אז דו קענסט דאס באווייזן ווען דו לערנסט אין כולל - וואויל פאר דיר.

געדענק וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן סט): ״עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה״, די גאנצע עשירות וואס א מענטש האט - איז פון זיין ווייב; אויב מען איז מכבד

די ווייב, מען פירט זיך אויף אין שטוב אזוי ווי עס דארף צו זיין, מען רעדט איידל און שיין, דורכדעם איז מען זוכה צו האבן עשירות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**איך בעט שוין אזויפיל, און איך זע נאכנישט קיין ישועה, פארוואס?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א גרויסן יישר כח פאר די שיעורים וואס העלפן מיר אזויפיל אין לעבן.

איך בין א 15 יעריגע מיידל, מיר וואוינען אין א דירה מיט נאר איין שלאף שטוב, מיט 5 נפשות, און מיר זענען זייער צודריקט. איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז מיין טאטע זאל טרעפן א גרעסערע דירה פאר אונז, איך האב זיך שוין פארגענומען אפאר זאכן, אבער גארנישט האט געהאלפן.

אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן אן עצה אדער א סגולה צו טרעפן א דירה.

א דאנק פון פאראויס.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בהעלותך, ט״ו סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ווען מען בעט דעם אייבערשטן און מען זעט נישט קיין ישועה טאר מען נישט טראכטן אז די תפילות גייען חס ושלום לאיבוד; קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד. אסאך מאל נעמט דער אייבערשטער די תפילות און נוצט דאס פארן לעבן פונעם מענטש, אבער קיין איין תפילה ווערט נישט פארלוירן; מיר דארפן ווייטער מתפלל זיין און האפן צום אייבערשטן אז מען וועט בקרוב באקומען די ישועה.

נאך אביסל קומט איר שוין אריין אין די יארן פון שידוכים, דעריבער בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

זעט צו זאגן יעדן טאג אביסל תהילים וועט איר זען גרויסע ניסים אין לעבן; אין תהילים ליגט אלע ישועות.

...

~~~~~~~~~~

**נאך אזויפיל יארן פון הייליגן רבי׳ן, פארוואס זענען נישט דא מער ברסלב׳ע חסידים? און אויף וועלכע זאכן דארף מען נישט פאלגן די עלטערן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אייערע שיעורים און חיזוק האבן מיר ממש געטוישט מיין לעבן צום גוטן מן הקצה אל הקצה ברוך ה', און צום ערשט מוז איך זיך באדאנקען אויף דעם.

איך האב געוואלט פרעגן איבער חסידות ברסלב. מען זעט אין ברסלב אז כמעט יעדער איינער איז א פרישער מקורב, אלעס איז נייע מענטשן, וואו זענען די אלע ברסלב'ע חסידים פון אלע דורות, נאך איבער צוויי הונדערט יאר פון הייליגן רבי'ן, וואלט דאך די ברסלב'ע חסידות געדארפט איבערשטייגן אלע אנדערע חסידות'ן אין צאל פון מענטשן, און למעשה איז דאס נישט אזוי.

אויך האב איך געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז אויף צוויי זאכן דארף מען נישט פאלגן די עלטערן, דאס איז וואו צו גיין לערנען, און אויף א שידוך, נאר ביי די צוויי זאכן דארף מען טון וואס מ'זעט פאר ריכטיג, און מ'דארף נישט פרעגן די עלטערן, האב איך געוואלט פרעגן וואו ס'איז דער מקור אין שלחן ערוך אויף דעם.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בהעלותך, ט״ו סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחי׳ און מחזק מיטן הייליגן רבי׳ן.

דו שרייבסט אז די רבי׳ס דיבורים האט דיר אינגאנצן געטוישט דיין לעבן צום גוטן - מקצה אל הקצה; דער רבי האט דאס בפירוש געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שנח): ״מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען זיין אן ערליכער איד. נישט סתם אן ערליכער איד, נאר אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד״; ווייל דער רבי ברענגט אונז צום אייבערשטן, דער רבי לערנט אונז אויס מיר זאלן לעבן מיט אמונה, מיט תכלית. און דער רבי געבט אונז א וועג ווי אזוי מיר קענען זוכה זיין צו לערנען און ענדיגן כל התורה כולה (עיין שיחות הר״ן סימן עו).

אזוי אויך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שכב): ״ווער עס וועט נאר האבן א שייכות מיט איינע פון מיינע תלמידים, וועט שוין אויך ווערן אן ערליכער איד. נישט נאר אן ערליכער איד, נאר גאר א גרויסער צדיק״.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אויף צוויי גרופעס מענטשן האב איך גרויס רחמנות, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אויף די מענטשן וואס האבן געקענט מקורב ווערן צו מיר און זיי זענען נישט מקורב געווארן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אויף די וואס זענען מקורב צו מיר און פאלגן מיך נישט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", ווייל עס וועט קומען די צייט וואס דער מענטש וועט ליגן מיט די פיס צום טיר, דאס מיינט ווען מען שטארבט - וואס דעמאלט לייגט מען אראפ דעם מענטש אויף דער ערד מיט די פוס אויסגעדרייט צום טיר, און דער מענטש וועט זיך דעמאלט אנקוקן ווי אזוי ער זעט אויס... דעמאלט וועט ער זייער חרטה האבן: 'פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם רבי'ן, ווייל ווען איך וואלט ווען געפאלגט דעם רבי'ן וואלט איך זוכה געווען צוצוקומען צו די גרעסטע מדריגות אויף דער וועלט', אבער עס וועט שוין זיין צו שפעט.

דו פרעגסט: "וואו זענען אלע ברסלב'ע חסידים?" וויל איך דיך פרעגן: "וואס איז ברסלב'ע חסידות? ווי אזוי ווערט מען א ברסלב'ער חסיד?!" א ברסלב'ער חסיד קען מען נישט דערקענען פון אינדרויסן, ברסלב האט נישט א געוויסע לבוש, אז מען זאל קענען ציילן וויפיל מענטשן האבן שייכות צו דעם רבי'ן; דער רבי וויל פון אונז אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן. מען זאל זיך מתבודד זיין יעדן טאג, זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן און אים דערציילן אלעס וואס גייט איבער אויף אונז. התבודדות איז א זאך וואס איז פריוואט, עס איז צווישן דעם מענטש אינעם אייבערשטן - "בַּד בְּבַד יִהְיֶה - קוֹדֶשׁ".

נאך א זאך וואס דער רבי וויל פון אונז, אז מיר זאלן זיין פרייליך. מיר זאלן זיך מחיה זיין מיט יעדע נקודה טובה, מען זאל נישט אויפגעבן ווען מען זעט אז מען האלט אין איין אראפפאלן און מען זאל נישט אויפהייבן די הענט ווען מען זעט אז וויפיל מאל מען פרובירט נאכאמאל פאלט מען צוריק - דאס איז ברסלב'ע חסידות; געבן מוט פארן מענטש אנצוגיין אין לעבן.

דער הייליגער רבי איז א מתנה פאר כלל ישראל; דער רבי איז א מתנה פאר די גאנצע וועלט - פאר אלע אידן און להבדיל אפילו פאר אומות העולם. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אונטערוועגנס ווען ער איז געפארן קיין נאווריטש (חיי מוהר"ן, סימן רנ): "יֵשׁ

לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", איך בין בכח צוריק צו ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן, "וְלֹא מִבָּעֲיָא יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים, אֶלָּא כָּל הָאֻמּוֹת הָעוֹלָם כֻּלָּם אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, וְהָיִיתִי יָכוֹל לְהוֹלִיכָם סָמוּךְ לְדַת יִשְׂרָאֵל", נישט נאר די אידן קען איך צוריק ברענגען צום אייבערשטן, נאר אפילו די אומות העולם קען איך אויך צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

מוסר נפש געווען האט זיך דער רבי צו ראטעווען אידן פון עבירות; איינע פון די זאכן וואס דער רבי האט אונז געהייסן איז צו גיין "הפצה". יעדער ברסלב'ער חסיד דארף עוסק זיין אין מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן און מען קען נישט זיין א ברסלב'ער חסיד נאר אז מען איז עוסק אין הפצה. דאס האט מוהרא"ש זכרונו לברכה געטון במשך פופציג יאר אין איין צי; געדרוקט דעם רבינ'ס ספרים און דאס פארפלייצט אויף די גאנצע וועלט. נאכדעם האט ער געשריבן קונטרסים; ער האט גענומען דעם רבינ'ס ווערטער און דאס אראפ געשריבן אויף א גרינגע שפראך פאר בני הנעורים אז זיי זאלן דאס אויך קענען פארשטיין, ער האט געדרוקט די קונטרסים אויף צענדליגער שפראכן און דאס פארשפרייט פאר די וועלט, און דאס טוען ווייטער תלמידי היכל הקודש מיט מסירות נפש.

הונדערטער מיליאנען ספרים און קונטרסים - בלי גוזמא - האט מוהרא"ש געדרוקט און פארשפרייט פאר די וועלט, מיט איין כוונה: אז נאך א איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן, נאך א איד זאל וויסן אז ער קען נאך תשובה טון און נאך א איד זאל וויסן אז ער קען אנהייבן פון דאסניי; דאס איז ברסלב: "מאכן נאך א איד טראכטן פון תכלית; זיך מחזק זיין מיט דאס גוטס וואס מען האט; גלייבן אז מען קען נאך פאררעכטן; אפילו דער גרעסטער בעל עבירה האט נאך א וועג צוריק צו קומען צום אייבערשטן" - דאס איז ברסלב!

מענטשן זוכן נישט צו דערציילן פאר אנדערע אז זיי לעבן פון דעם רבינ'ס עצות און חיזוק ווייל אסאך מאל ווערט פון דעם א גרויסע מחלוקת, אבער אלע נעמען די חיזוק פון רבי'ן. עס איז נישט דא קיין איין איד אויף דער וועלט וואס שעפט נישט חיות פון רבי'ן, אויב נישט גראדערהייט איז עס בעקיפין; זיין רב, זיין מורה דרך, זיין משפיע וכו' נעמט חיות פון רבי'ן, עס איז נישט דא נאך איינער וואס קען אזוי מחזק זיין א מענטש וואס איז אראפ געפאלן אין עבירות ווי דער הייליגער רבי.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן תרג): עס איז געווען א פייגל וואס האט געלייגט זייער אסאך אייער, זעענדיג אז זי האט נישט גענוג פלאץ אין איר נעסט פאר אלע אירע אייער, האט זי געטראכט אז זי וועט שטילערהייט לייגן אירע אייער אין

אנדערע נעסטן און דארט זאל זיך עס ווארעמען. אזוי האט זי געטון, זי האט ארויסגעלייגט הונדערטער אייער אין אומצאליגע נעסטן; שפעטער ווען עס זענען ארויסגעקומען די פייגלעך פון די אייער האבן די פייגל פון די אנדערע נעסטן געמיינט אז דאס זענען זייערע קינדער, ביז די מאמע פון די אלע פייגלעך איז געקומען און געפיפן מיט איר מויל, דאן האבן אלע פייגל דערקענט זייער מאמעס קול זענען זיי אלע מיטגעפלויגן מיט איר.

אזוי איז אויך ביים רבי'ן; דער רבי מיינט אז דאס זענען זיינע מענטשן, דער משפיע מיינט אז די זענען זיינע בחורים, ביז דער רבי געבט א פייף און זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", און אלע קומען צו לויפן קיין אומאן; עס איז ממש אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו ס, ד): "שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה", אלע קומען צו פארן "תֵּ'אָמַנָה" קיין אומאן, דארט קען מען שוין אביסל זען וואס טוט זיך דא, וויפיל מענטשן נעמען חיזוק פון הייליגן רבי'ן.

בנוגע אויב מען וויל גיין לערנען אין א ישיבה און די עלטערן זענען נישט מסכים וכו'; עס ווערט גע'פסק'עט אין שלחן ערוך (יורה דעה סימן רמ, סעיף כה): "תַּלְמִיד שֶׁרוֹצֶה לָלֶכֶת לְמָקוֹם אַחֵר, שֶׁהוּא בּוֹטֵחַ שֶׁיִּרְאֶה סִימָן בְּרָכָה בְּתַלְמוּדוֹ לִפְנֵי הָרַב שֶׁשָּׁם, וְאָבִיו מוֹחֶה בּוֹ, לְפִי שֶׁדּוֹאֵג שֶׁבְּאוֹתָהּ הָעִיר הַגּוֹיִם מַעֲלִילִים - אֵינוֹ צָרִיךְ לִשְׁמוֹעַ לְאָבִיו בָּזֶה", אויב מען וויל גיין לערנען ביי א געוויסע רבי תורה וואוסענדיג אז מען גייט מצליח זיין אין דעם ישיבה מער ווי ביי א צווייטער רבי, און דער טאטע לאזט נישט גיין ווייל ער האט מורא אז דער זון וועט צו קומען צו א סכנה - מעג מען גיין אהין לערנען, און דער רמ"א לייגט צו נאך אן הלכה, "וְכֵן אִם הָאָב מוֹחֶה בְּבֵן לִשָּׂא אֵיזוֹ אִשָּׁה שֶׁיַּחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן - אֵין צָרִיךְ לִשְׁמוֹעַ אֶל הָאָב", אזוי אויך אויב דער טאטע לאזט נישט זיין זון חתונה האבן דארף ער נישט צו הערן צו אים. דער מקור פון דער הלכה איז אין תשובת מהרי"ק (שורש קסו): "דְּאֵין כֹּחַ בְּיַד הָאָב לִמְחוֹת בְּיַד בְּנוֹ לִשָּׂא אִשָּׁה אֲשֶׁר יַחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן, דְּאֵין חַיָּיב לְכַבְּדוֹ אֶלָּא בִּדְבָרִים שֶׁשַּׁיָּיכִים לְאָב, כְּגוֹן מַאֲכִילוֹ וּמַשְׁקוֹ, אֲבָל מִלְּתָא דְּלֹא שַׁיָּיךְ בְּאָב פְּשִׁיטָא דְּאֵין כֹּחַ בְּיַד הָאָב לִמְחוֹת בִּבְנוֹ, עד כאן לשונו".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, און נעמען א חלק אין צוריק קערן אלע אידן צום אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## וואס איז דער אמת׳ער ריכטיגער וועג ווי אזוי אינגעלייט דארפן זיך פירן אינדערהיים?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א גרויסן יישר כח פאר אלע דרשות און חיזוק וואס זענען ממש כמים קרים על נפש עיפה, עס העלפט און שטארקט, און לערנט א וועג ווי אזוי זיך צו פירן אין יעדן מצב.

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם ענין פון "קדש עצמך במותר לך" ווען עס קומט צו ענינים שבינו לבינה וכו'. יעדער מדריך און יעדער רב און דיין האט אן אנדערער מהלך אין די ענינים, איינער איז מער מחמיר און א צווייטער איז מער מקיל, און פרישע אינגעלייט האבן נישט קיין קלארקייט צו וויסן ווי אזוי זיי דארפן זיך צו פירן. איינער זאגט אז אויב מען איז מער מקיל וועט עס מאכן בעסער דעם שלום בית, א צווייטער זאגט אז דאס איז בלויז דמיונות, ס'איז נאר אן עצה פונעם יצר הרע אריינצוכאפן דעם מענטש, למעשה אויף די אונטערשטע שורה איז נישט קלאר וואס מען דארף צו טון. אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א אויסקלארן דעם ענין?

אויך האב איך געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אז ווען א איד לערנט אסאך גמרא און משניות, מען לערנט די הייליגע תורה, איז דאס א תיקון הברית, דאס פאררעכט אלע פגמים פונעם מענטש. למעשה זעען מיר אז אסאך גרויסע צדיקים האבן יא עוסק געווען אין תעניתים און סיגופים, זיי האבן זיך נישט באגנוגט מיט'ן לערנען תורה.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, י״ח סיון, שנת תשע״ח לפ״ק**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז זייער שווער צו שרייבן פון די ענינים וכו׳, אבער היות אסאך אינגעלייט זענען צעמישט אין דעם ענין וועל איך פרובירן צו שרייבן וויפיל עס איז שייך.

דו שרייבסט מיר אז אין שלחן ערוך שטייט (אורח חיים, סימן רלא): ״אֲפִילוּ בְּעוֹנָה הָאֲמוּרָה בַּתּוֹרָה, אִם עָשָׂה לְהַשְׁלִים תַּאֲוָתוֹ אוֹ לַהֲנָאַת גּוּפוֹ - הֲרֵי זֶה מְגֻנֶּה״, ווען מען האט חתונה און מען לעבט צוזאמען וכו׳ זאל מען נישט אינזין האבן פאר די אייגענע הנאה; דא וועל איך דיר ווייזן ווי דער יצר הרע שפילט ארום מיט דיר, לאמיר נעמען דעם שלחן ערוך און זען וואס עס שטייט אין אנהייב פון אט דעם זעלבן סימן: ״וְכֵן בְּכָל מַה שֶׁיֵּהָנֶה בָּעוֹלָם הַזֶּה, לֹא יְכַוֵּן לַהֲנָאָתוֹ אֶלָּא לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ״, אלעס וואס א מענטש טוט אויף דער וועלט זאל ער טון פארן אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (משלי

ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ", און די הייליגע חכמים דרש'נען אויף דעם: "כָּל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם", אלע דיינע מעשים זאלן זיין נאר פארן אייבערשטן, "כְּגוֹן הָאֲכִילָה, וְהַשְּׁתִיָּה, וְהַהֲלִיכָה, וְהַיְשִׁיבָה, וְהַקִּימָה, וְהַתַּשְׁמִישׁ, וְהַשִּׂיחָה, וְכָל צָרְכֵי גוּפְךָ", צום ביישפיל, ווען מען עסט, מען טרינקט, מען גייט, מען זיצט, מען שטייט, מען איז מיט די ווייב און אזוי אלע צרכי הגוף, "יִהְיוּ כֻּלָּם לַעֲבוֹדַת בּוֹרְאֲךָ", אלעס זאל מען טון פארן אייבערשטנס וועגן, "אוֹ לְדָבָר הַגּוֹרֵם עֲבוֹדָתוֹ", אדער מיט די כוונה אז מען זאל צוקומען דורך דער זאך צו דינען דעם אייבערשטן. "שֶׁאֲפִלּוּ הָיָה צָמֵא וְרָעֵב, אִם אָכַל וְשָׁתָה לַהֲנָאָתוֹ - אֵינוֹ מְשֻׁבָּח, אֶלָּא יִתְכַּוֵּן שֶׁיֹּאכַל וְיִשְׁתֶּה כְּפִי חִיּוּתוֹ לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאוֹ", און אפילו אויב איינער איז הונגעריג און דארשטעריג, אויב וועט ער עסן און טרינקען צו ווערן זאט - איז נישט גוט, נאר מען דארף אינזין האבן אז מען עסט און מען טרינקט נאר פארן אייבערשטנס וועגן.

וויל איך דיר פרעגן: ווען דו עסט און דו טרינקסט האסטו אויך קאפ דרייעניש אז דו עסט פאר דיין הנאה, אדער דעמאלט גייט דיר דאס נישט אן און דו טראכסט ניטאמאל פונעם אייבערשטן... ביי אלע אנדערע זאכן וואס דער שלחן ערוך ברענגט דארט ווייטער אראפ, למשל ווען עס קומט צו גיין שלאפן, וואס דער מחבר זאגט: "וְכֵן בִּשְׁכִיבָה, בִּזְמַן שֶׁהוּא יָגֵעַ וְצָרִיךְ לִישַׁן כְּדֵי לָנוּחַ מִיְּגִיעָתוֹ - אִם עָשָׂה לַהֲנָאַת גּוּפוֹ אֵינוֹ מְשֻׁבָּח, אֶלָּא יִתְכַּוֵּן לָתֵת שֵׁנָה לְעֵינָיו וּלְגוּפוֹ מְנוּחָה לְצֹרֶךְ הַבְּרִיאוּת, שֶׁלֹּא תִּטָּרֵף דַּעְתּוֹ בַּתּוֹרָה מֵחֲמַת מְנִיעַת הַשֵּׁנָה", ווען מען איז זייער אויסגעמאטערט, אויב לייגט מען זיך שלאפן זיך אפצורוען איז נישט גוט, נאר מען דארף גיין שלאפן פארן אייבערשטנס וועגן; איז אינטערעסאנט אז דו שרייבסט נישט מיט ווייטאג ווי ווייט דו ביסט פארקראכן אז דו גייסט שלאפן יעדע נאכט פאר דיין הנאה, ווער ווייסט צי דו טראכסט בכלל פונעם אייבערשטן ביים גיין שלאפן, צי דו ליינסט קריאת שמע און צי דו גרייטסט אפילו אן נעגל וואסער; דייקא ווען עס קומט צו זיין אן ערליכער איד, מען האט חתונה און מען וויל האבן א ריינע מח, דעמאלט 'ויבא השטן'; דער שטן איז דא און ברענגט אריין עצבות און מרה שחורה, ספיקות און בלבולים צי מען מעג יא אדער מען טאר נישט, צי מען האט אינזין דעם אייבערשטן אדער מען טוט דאס פאר די אייגענע הנאה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן בפירוש (נדרים כ:): "אֵין הֲלָכָה כְּיוֹחָנָן בֶּן דַּהֲבָאִי", מען פסק'עט נישט ווי יוחנן בן דהבאי, ביי דעם ציטערט מען פון עונשים קשים ומרים, אבער אינטערעסאנט איז אז אפאר שירות פאר דעם זאגן חז"ל (שם, עמוד א): "כָּל הַצּוֹפֶה בַּנָּשִׁים - סוֹפוֹ בָּא לִידֵי עֲבֵירָה", ווער עס היט זיך נישט די אויגן וועט צו קומען צו טון עבירות, "וְכָל הַמִּסְתַּכֵּל בַּעֲקֵבָהּ שֶׁל אִשָּׁה, הַוְיָין לוֹ בָּנִים שֶׁאֵינָם מְהוּגָּנִים", און ווער עס קוקט

אפילו נאר אויף די פיס פון א פרוי וועט האבן קינדער וואס וועלן נישט זיין ערליך - דארט קלאפט דיר בכלל נישט דיין הארץ, דארט שרייסטו נישט: 'וואס וועט זיין מיט מיינע קינדער?!'

איינע פון די וויכטיגסטע זאכן איז צו זיין א "מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ" - זיך אליינס קענען; ווען א מענטש ליגט נאך אין עבירות, ער איז נאך ווייט פון האבן ריינע מחשבות, דארף ער זען צו טון אלעס אויף דער וועלט אז ער זאל נישט אראפפאלן אין עבירות.

דאס וואס דיין קאפ דריידט זיך צי דו ביסט א בעל תאוה צי נישט - ווען עס קומט צו לעבן מיט די ווייב אן פרישות וכו', דאס האט נישט קיין שום שייכות מיט קדושה, דאס איז פשוט דער יצר הרע וואס קומט צו אלע אינגעלייט נאך די חתונה, ווען ער זעט ווי ער גייט זיי פארלירן, ווייל זיי גייען יעצט ווערן צדיקים, קדושים, זיי גייען מער נישט נכשל ווערן אין פגם הברית רחמנא לצלן; וואס טוט דער רשע מרושע - דער יצר הרע? ער טוט זיך אן א גרויסע היט מיט א לאנגע בעקיטשע, ער לייגט ארויף די הענט אויף זיינע בריסטן און הייבט אן רעדן צו אינגעלייט פון פרישות וכו'; ער שרעקט זיי אן מיט עונשים קשים ומרים; ער שרעקט זיי אן מיט נישט ערליכע קינדער, ביז די אינגעלייט זענען זיך פורש, איינער למחצה, דער צווייטער לשליש, און דער דריטער ולרביע; אזוי כאפט ער זיי אריין אין זיין פאסטקע און איז זיי מכשיל מיט הארבע עבירות, וואס די עבירות ברענגען באמת עונשים קשים ומרים, מען פארלירט די וועלט און יענע וועלט רחמנא לצלן.

דער יצר הרע וואס איז אנגעטון מיט א גרויסע היט און א בעקיטשע דער איז זייער מסוכן; גלייך אין די ערשטע תורה מיט וואס דער רבי הייבט אן דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן, זאגט דער רבי: "הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא", דער יצר הרע איז ווי א וואל וואס וויל דערטרענקען דעם איד, "מִתְחֲזֵי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא", ער פארשטעלט זיך ווי א ווייסע ברענעדיגער מלאך; ער קומט נישט צום מענטש און רעדט אים איין צו טון עבירות, נאר ער פארשטעלט זיך ווי אן ערליכער איד און פארבט די עבירות ווי א מצוה. אנשטאט דער אינגערמאן זאל יעצט לעבן מיט זיין ווייב אן קיין שום פרישות וכו', אזוי וועט ער באקומען א ריינע מח, ער וועט זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס, קומט ער און מאכט אים משוגע מיט חומרות וכו' אזוי דריידט זיך דער אינגערמאן ארום נעבעך אן א קאפ, נאך ערגער ווי אלץ בחור; דאס אלעס איז דער ארבעט פונעם יצר הרע.

מוהרא"ש האט מיר געזאגט אויף דעם ספר ... וואס איז מדריך אברכים בעניני קדושה, אז דער בעל מחבר איז אן ערליכער איד, א גרויסער צדיק, אבער זיין ספר טאר

מען נישט האלטן אין שטוב; דער ספר האט שוין גורם געווען אז אידישע קינדער זאלן אראפפאלן אין ביטערע עבירות. דער מחבר האט צוזאמגענומען הנהגות און פרישות פון צדיקים וואס זענען געווען מלאכים, הנהגות פון צדיקים וואס זענען געווען מובדל ומפרש פון די וועלט, און דאס געבט ער איבער פאר אונז פשוט'ע מענטשן וואס מיר זענען נאך זייער ווייט פון זיין אפילו פשוט'ע אידן...

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדרים כ:) "אֵין הֲלָכָה כְּיוֹחָנָן בֶּן דַּהֲבָאִי, אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁאָדָם וְכוּ' - עוֹשֶׂה", מען פסק'עט נישט ווי יוחנן בן דהבאי; פרעגן די הייליגע חכמים: "ער האט דאך געהערט פון די מלאכי השרת אז אלע עונשים קומען ווייל מען איז נישט אפגעשיידט וכו'?!" ענטפערן חז"ל אז ער האט דאס נישט געהערט פון מלאכים ממש, נאר "מַאן 'מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת'? רַבָּנָן", ער האט דאס געהערט פון די חכמים וואס ווערן אנגערופן מלאכים, "וְאַמַּאי קָרוּ לְהוּ 'מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת'? - דְּמִּצַיְּינִי כְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", פארוואס רופט מען אן די חכמים 'מלאכים?' ווייל זיי זענען אפגעשיידט פון דער וועלט ווי מלאכי השרת; ביי א מלאך איז נישט שייך די אלע זאכן, א מלאך האט נישט קיין ווייב, א מלאך האט נישט קיין קינדער, דערפאר קען א מלאך זאגן פאר מענטשן "מען דארף זיין אפגעשיידט וכו'"; דער בעל מחבר פונעם ספר ... איז אזוי ווי די מלאכי השרת, אבער מיר פשוט'ע מענטשן טארן נישט אריינקוקן אין א ספר וואס לערנט אויס פרישות, ווייל דאס מאכט מען זאל אראפפאלן אין עבירות חמורות רחמנא לצלן.

על פי תורה דארף א מענטש ווערן הייליג און ריין נאך די חתונה, איי ועסטו פרעגן אז מען הערט פון אינגעלייט ווי זיי ווינען נאך זייער חתונה אז זיי פאלן אין עבירות; נאר שולדיג אין דעם זענען די וואס לערנען מיט חתנים און זיי געבן איבער פאר חתנים א פאלשע תורה, בשעת ווען דער אינגערמאן איז קוים קוים א פשוט'ער איד, לייגט מען שוין ארויף אויף אים הנהגות און פרישות פון מלאכים. איין חילוק איז דא צווישן דער בעל מחבר ספר ... און די חתנים מלמדים, אז דער בעל מחבר האט דאס געמיינט ערנסט, ער איז טאקע א מלאך וכו', אבער די חתנים מלמדים זענען פשוט'ע מנוולים; פאר זיך לעבן זיי אן קיין פרישות וכו', און נאר אויף טייערע אברכים, אומשולדיגע חתנים וואס ווילן אנהייבן לעבן ווי ערליכע אידן, אויף זיי לייגן זיי ארויף דעם יצר הרע'ס חומרות.

אזוי איז אויך ביי כלות; מען דערשרעקט זיי, מען לייגט זיי אראפ די גאנצע זאך פון חתונה האבן און זיין צוזאמען מיטן מאן וכו' כאילו דאס איז א גוי'אישע זאך, און ווי מער אפגעשיידט מען איז אלץ מער האט דער אייבערשטער א נחת רוח - ווען דאס אלעס איז אנטקעגן די הייליגע תורה און אנטקעגן די וועגן פון ערליכע אידן; א

ערליכער איד לעבט אן קיין פרישות, א ערליכע איד דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אז ער האט א ווייב, אזוי איז ער אפגעהיטן פון עבירות.

וואס זאל איך דיר זאגן, ווען א מענטש הייבט אן צו לעבן מיט די עצות פון רבי'ן, ער איז זיך מתבודד יעדן טאג מיטן אייבערשטן, ער לעבט מיט אמונה, וואס ער דארף בעט ער דעם אייבערשטן און ער שפירט ווי דער אייבערשטער איז מיט אים ביי אים און נעבן אים, דער מענטש איז מקיים (משלי ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ"; אזא מענטש טוט אלעס מיטן אייבערשטן. ווען ער עסט דאנקט ער דעם אייבערשטן אויף די גוטע עסן וואס ער האט באשאפן, ווען ער גייט אין בעט ליינט ער קריאת שמע; ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף זיין טאג, ער דאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט א בעט וואו צו שלאפן וכו' און בעט דעם אייבערשטן אויפן מארגנדיגן טאג, ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף זיין ווייב, אויף זיינע קינדער און אויף זיין שיינע לעבן, דעמאלט פאלן אוועק אלע פראבלעמען.

אנשטאט ארבעטן אוועק צו נעמען די טונקלקייט, קען מען ארבעטן אנצוצינדן מער און מער ליכט, דורכדעם וועט די טונקלקייט פון זיך אליינס אוועק גיין; דאס איז די וועג פון הייליגן רבי'ן, מען זאל לעבן מיטן אייבערשטן; דעמאלט איז נישטא קיין תאוות, דעמאלט איז נישט דא קיין חושך, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", יחזקאל הנביא דערציילט ווי ער האט געזען כביכול דעם אייבערשטן קומען אין די עזרה, עס האט זיך געהערט א רעש ווי וואסער שטורעמט, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ" און פלוצלינג איז ליכטיג געווארן די גאנצע וועלט; ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן ווערט ליכטיג, אמונה מאכט ליכטיג. דאס טוט דער רבי מיט אונז, ער ברענגט אריין אין אונז פשוט'ע מענטשן אזא קלארע אמונה, אז מען הייבט אן לעבן מיטן אייבערשטן.

אויף די צווייטע שאלה וואס דו פרעגסט, אז איך זאג שטענדיג אז אויב מען לערנט אסאך גמרא און משניות איז דאס א תיקון הברית, פרעגסטו, ווי אזוי קען זיין אז דאס אליינס איז א תיקון הברית, מיר געפונען דאך אז אלע צדיקים האבן זיך מסגף געווען מיט סיגופים און תעניתים, זעט מען דאך אז לערנען אליינס איז נישט גענוג וכו'; קודם כל זאלסטו וויסן אז נישט איך זאג דאס, נאר דער רבי זאגט דאס; דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם

מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט געזאגט דעם שמועס, האט ר' נתן געפרעגט דעם רבי'ן (חיי מוהר"ן, סימן תקעג): "צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפ געפאלן אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה, רחמנא לצלן?" האט דער רבי געשריגן אויף אים און געזאגט: "דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז? תורה איז העכער פון אלעס, אפילו א מענטש וואס ווייקט זיך אין די עקלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה, רחמנא לצלן".

נישט איך זאג דאס, חכמינו זכרונם לברכה זאגן דאס (ירושלמי ראש השנה פרק ד, הלכה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך צו לערנען די הייליגע תורה רעכנט אים דער אייבערשטער אזוי ווי ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט; דאס וואס די צדיקים האבן זיך מסגף געווען מיט סיגופים - דאס איז געווען אין די פריערדיגע דורות, דעמאלט איז דאס געווען דער וועג צוצוקומען צום אייבערשטן, אבער היינט ווען מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן דארף מען שוין נישט די אלטע וועג, אזוי ווי דער רבי האט בפירוש געזאגט, אז מען זאל נישט פאסטן קיין שום אייגענע תעניתים, נאר די ד' תעניתים און תשעה באב און יום כיפור; חוץ פון די פיר תעניתים האט דער רבי נישט געלאזט פאסטן.

דער רבי האט אונז געגעבן פאר א תיקון שווערערע סיגופים ווי פאסטן; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א, סימן ו): "עִקַּר הַתְּשׁוּבָה יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתּוֹק", דער עיקר וועג ווי אזוי מען טוט תשובה, אז "ווען מען פארשעמט דיר זאלסטו נישט ענטפערן"; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות תפלה, סימן עז): "כְּשֶׁתִּשְׁמַע חֶרְפָּתְךָ וְתִשְׁתֹּק, תִּזְכֶּה שֶׁיַּעֲנֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּקָּשָׁתְךָ", ווען מען פארשעמט דיר און דו ענטפערסט נישט, וועסטו זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט צוהערן דיינע בקשות; נאך זאגט דער רבי (שם, אות מריבה, סימן פו): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ חֶרְפָּתוֹ וְשׁוֹתֵק, עַל יְדֵי זֶה נִתְבַּטֵּל מִמֶּנּוּ רַבּוֹת רָעוֹת שֶׁהָיוּ רְאוּיִין לָבוֹא עָלָיו", ווער עס ענטפערט נישט ווען מען פארשעמט אים, איז זוכה צו מבטל זיין אסאך צרות וואס וואלט ווען געדארפט קומען אויף אים; אז דו וועסט אריין טראכטן אין די אלע דערמאנטע ווערטער פון רבי'ן, וועסטו זען אז דאס איז אסאך שווערער ווי פאסטן און גלגול שלג.

דעריבער זאלסטו אויסהערן וואס דער רבי זאגט; גיי אוועק פון דיינע נארישע מחשבות וואס זאגן דיר זאלסט זיך מדמה זיין צו די פריערדיגע צדיקים מיט פרישות און עבודות וסיגופים. פאלג דעם רבי'ן, הייב אן לערנען יעדן טאג אביסל תורה; נעם א חומש און זיי מעביר סדרה חומש, תרגום מיט רש"י, זונטאג זאלסטו לערנען ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער; נעם א משניות און לערן אפאר פרקים יעדן טאג, דאס וועט אויסוואשן דיין נשמה פון אלע עוונות און חטאים; נאכדעם זאלסטו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, הייב אן ש"ס און גיי כסדרן. אויב דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאג די ווערטער פון די הייליגע תורה, דורכדעם וועסטו ארויס קריכן פון דיינע חטאים. און ענטפער נישט ווען מען פארשעמט דיר, אזוי וועסטו פארעכטן אלעס וואס דו האסט פוגם געווען.

איך האב נאך נישט אנגעהויבן צו שרייבן אין דעם ענין וויפיל מען דארף שרייבן, וואס איך האב זוכה געווען מקבל צו זיין פון מוהרא"ש בדברים שבינו לבינה, איך קען ווען שרייבן נאך טויזנט בלעטער, אבער מען קען נישט אלעס שרייבן מפני הצניעות; שלמה המלך זאגט (משלי ט, ט): "תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד, הוֹדַע לְצַדִּיק וְיוֹסֶף לֶקַח", לערן דעם קלוגן און ער וועט שוין אליינס פארשטיין ווי אזוי זיך צו פירן.

דער עיקר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט אפנארן בזה העולם; דער רבי האט אונז געבעטן (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; מען דארף זייער אכטונג געבן זיך נישט צו לאזן אפנארן, נאר מען זאל זיך פרייען מיט פשטות אידישקייט, מען זאל זיך פרייען אז מיר האבן א רבי וואס לערנט אונז ווי אזוי זיך צו פירן און ער נעמט אונז ארויס פון אלע אונזערע דמיונות, חלומות וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען גיין אין די וועגן פון הייליגן רבי'ן און זיך נישט אפנארן, דאן וועלן מיר זיין ערליכע אידן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~